טאראשטשע

אַ היסטאָריע פון אַ קליין שטעטל
אין קיעווער גובערניע, אוקראינע

צווייטער טייל

איבערלעבונגען פון שטעטל אין דער וועלט מלחמה,
רעוואלוציע און בירגער קריג

געשריבען פון

יעקב ראַווין — ראַווינסקי

א מיטגליד פון טאראשטשער לאנדסמאנשאפט

ניו יאָרק, 1937

געדרוקט ביי די

מוינעשטער פּאבלישינג קאמפּ.

1569 איסט ניו יאָרק עוועניו

ברוקלין, נ. י.

Printed by.
MOINESTER PUBLISHING CO.
1569 East New York Ave.
Brooklyn, N. Y.

שרייבער און מיטארבייטער פון דער היסטאריע טאראשטשע

פּערפּאָסער יעקב ראַווין (ראַווינסקי)

יוסף האָנאָפּאָלסקי

ז, בן ציון פּאַטאַשנוק

אלחנן אָלשאַנסקי

משה באָיאַרסקי

מרדכי טאָלטשינסקי

מיטארבייטער

געווידמעט צו

מיין ליעבע פרוי סארא

און

אונזערע ליעבע קינדער

זיהן :

בענזשעמין — אונזער שנור — רעבעקא

מאקס — אונזער שנור — עטא

וויליאם און אנטאן

אונזער ליבע טאכטער ליע ראוזן היימאן

אונזער איידעם יוסף היימאן

צו מיין 75 יאהריגען געבורטס טאג

מיט גליק ווינשע צו מיין

ליבע פאמיליע.

פאררעדע צום צווייטען טהייל פון אונזער היסטאריע

„טאראשטשע"

די פריינדליכע אויפנאמע פון ערשטען טהייל היסטאריע „טאראשטשע", האט געגעבען דעם שרייבער מוטה און קוראזש, פארטזעצען די ארבייט, פון שרייבען די אנדערע טהיילען, ווי מיר האבען אויסגעלייגט דעם פלאן, אין ערשטען טהייל היסטארי.

דעם אמת זאגענדיג, האב איך ניט ערווארטעט אזא פריינדליכע און צופרידענע אויפנאמע : „לא סופר אני, ולא בן סופר", — איך בין ניט קיין שרייבער און ניט דער זוהן פון א שרייבער. אין דער אלטער היים, אינ'ם קליינעם שטעדטעל, האב איך אין שטאט זאכען זיך ניט געמישט, און נאך ווייניגער האט מיך אינטערעסירט די היסטארי פון שטעדטעל, געשיינט האט מיר אבער, אז די „קליינע" טאראשטשע דארף האבען א „גרויסע" היסטאריע . . .

ווערענד אן אמעריקאנער תושב, איז מען געווען פארנומען מיט „מאכען א לעבען", ערציהען א פאמיליע, און מען האט זיך ווייניג אינטערעסירט מיט דעם היימישען שטעדטעל. דער אינטערעס צו דער אלטער היים איז באשטאנען — אין זיך דורכשרייבען אמאהל מיט משפחה, שיקען א פאר דאלאר אהיים, ווען מען האט געקאנט. די „וועלט מלחמה", די איבערלעבונגען פון אונזערע היים שטעט און שטעטלאך, האט אויפגעוועקט אין די לאנדסמאנשאפטען אין אמעריקא, דעם אינטערעס צו זייערע אלטע היימען, און ביי מיין ווייניקייט האט אויך אויפגעלעבט דער אינטערעס צו מיין געבורטס שטעטעל, און דאס האט מיך געבראכט אויף דער אידייע, צו שרייבען „די היסטארי פון טאראשטשע", האב איך אנגעהוביען נאכזוכען, נאכפארשען, דיטיילס וועגען שטעטעל, און האב צוגעצויגען לאנדסלייט אין דער אלטער היים, אויך אין אמעריקא, און וויפיעל מיינע ארימע קרעפטען האבען מיר ערלויבט, האב איך אלעס געטהון, און אזוי איז מיר געלונגען, צו שאפען די ערשטע טהייל היסטארי, פון אונזער טאראשטשע, וועלכע איך האב געהאט דעם פארגעניגען צו צוטיילען „פריי" צו די מיטגלידער פון אונזערע ארגאניזאציעס און צו יעדען לאנדסמאן, וואס האט געוואלט די היסטארי האבען ביי זיך אין דער היים.

ווי פריהער געזאגט, האט די פריינדליכע אויפנאמע פון דעם ערשטען טהייל, מיר געגעבען מוטה, צו שרייבען די אנדערע טהיילען. עס איז א „טרילאגיע — טאראשטשע". אין ערשטען טהייל האבען מיר געשריבען די טאראשטשע פון אמאהל, פון איהר יצירה, ביז צו דער צייט פון דער וועלט מלחמה, לויט די קוועלען, וואס אונז איז געלונגען אויסצוגעפינען.

אין צווייטען טהייל, איז די באשרייבונג, פון דער צייט פון דער „וועלט מלחמה", „די איבערלעבונגען פון שטעטעל", פאר דער צייט „פון", „אין", און „נאך" דער וועלט מלחמה, ביז דער לעצטער צייט. און די הילפע, וואס אונזערע ארגאניזאציעס אין אמעריקא, וואס טראגען דעם נאמען „טאראשטשע", האבען געלייסטעט פאר'ן אלטען שטעטעל.

דער דריטער טהייל, איז א באשרייבונג פון די טאראשטשער לאנדסמאנשאפטען, דריי אין ניו יארק, און איינע אין פילאדעלפיע. און מיר האפען, אז די אנדערע צוויי

די היסטאָריע פון טאַראַשטשע

טהיילען וועלען אויפגענומען ווערען פון די לאַנדסמאַנשאַפטען און לאַנדסלייט, ניט ווייניגער פריינדליך, ווי דער ערשטער טהייל.

מאַנכע לאַנדסלייט אונזערע, וואָס מעסטען די „אויפטהוענגען" פון איינעם, — מיט דער מאָס פון „געלט", אָדער זאָגענאַנטען „כבוד", וואָס דער אויפטהוער זאָל האָבען ערוואַרטעט פאַר זיין אַרבייט, ווארום, ווי קען דאָס זיין אַנדערש ? . . . (זיי קאָנען, ליידער, ניט דענקען וועגען אַ העכערע מדרגה) . . . אַ לאַנדסמאַן אונזערער, מר. זלמן בערדיטשעווסקי, דער זוהן פון דעם לעצטען טאַראַשטשער רב, ר' צדוק, ער האָט ריכטיג אָפּגעשאַצט די סיטואַציע, און אַבוואָהל, דער בן הרב איז געווען שטאַרק בייז אויף מיר, ווייל נאָך זיין מיינונג, האָב איך ניט גענוג אָפּגעשאַצט די אַלטע טאַראַשטשער רבנים, אָבער צו דער זעלבער צייט, האָט ער ריכטיג פאַרשטאַנען, וואָס מיר האָט דיקטירט, צו שרייבען די היסטאָרי פון אונזער שטעטעל. מיר וועלען ציטירען עטליכע שורות פונ'ם לאַנגען בריעף, וואָס דער בן הרב שרייבט מיר :

„איך דאַנק אייך, חשוב'ער לאַנדסמאַן", שרייבט מיר הער זלמן בערדיטשעווסקי, פאַר דער קאָפּיע „טאַראַשטשע", וואָס איהר האָט מיר צוגעשיקט, איך האָב דעם בוך געלעזען פון טאַוועל צו טאַוועל, אַ סך עראינערונגען, פון אַ גאַנצער גאַלערי, פאַר-געסענע און האַלב פאַרגעסענע געשטאַלטען, האָבען ווידער אויפגעלעבט אין מיין זכרון, פּיעלע עפּיזאָדען, וואָס איהר ניט איבער אין בוך, זיינען מיר פרעמד, אָבער איך האָב זיי געהערט פון מיין פאָטער ע"ה. איך באַטראַכט עס פאַר אַ וויכטיגע אַרבייט, צו „פאַראייביגען" עפּיזאָדען פון אונזערע אַלטע היימען, איבערהויפּט, ווען פאַר אַסך פון אונז, הויבט שוין דאָס וואָרט „טאַראַשטשע" קלינגען ווי אַ לעגענדאַרני פאַר-גאַנגענהייט, שוין באַלד אַ פאַרגעסענהייט".

אָט דער געדאַנק, וואָס דער חשוב'ער בן הרב האָט אויסגעדריקט אין זיין בריעף „אַז טאַראַשטשע ווערט באַלד אַ פאַרגעסענהייט", „אַ לעגענדע", מען וועט שוין באַלד ניט וויסען, ווי אונזערע עלטערען און אור, אור עלטערען האָבען אַמאָהל געלעבט, וואָס פאַר אַ פּיהראַכע, וואָס פאַר טראַדיציעס עס האָבען אַמאָהל געהערשט אין דעם קליינעם שטעטעל טאַראַשטשע.

אָט דאָס, פריינדע, האָט מיך באַוואויגען, צו שרייבען די היסטאָרי פון טאַראַשטשע עס טהוט וועה פאַר'ן אַלטען שטעטעל, עס ווילט זיך, עס זאָל בלייבען אַן אָנדענק, אַ זכר, נאָכ'ן געוועזענעם היים שטעטעל. און ווען די גאַנצע טרילאָגיע „טאַראַשטשע" וועט זיין געפּאָבלישט, געלעזען פון די טאַראַשטשער לאַנדסמאַנשאַפטען, פון לאַנדס-לייט בכלל, וועל איך דאַמאָלס רעכענען אַז איך האָב, מעהר אָדער ווייניג, אויפגעטהון פאַר דער אַלטער טאַראַשטשע, פון יענער זייט ים, און פאַר דער „נייער טאַראַשטשע", וואָס מיר האָבען געגרינדעט אין אַמעריקא . . .

אַז מיין אַרבייט, אויף דעם ערשטען טהייל היסטאָרי, איז ניט געווען אַרויס-געוואָרפען, באַווייזען די פריינדליכע בריעף, וואָס פּיעלע פון די לאַנדסלייט האָבען מיר צוגעשיקט, נאָך אַ גרעסערע צאָהל האָבען זייער צופרידענהייט און דאַנקבאַרקייט אויסגעדריקט פּערזענליך, זיך טרעפענדיג מיט מיר. צווישען די פּיעלע בריעף איז געווען איינער פון אַ לאַנדסמאַן, פון לאָנדאָן, ענגלאַנד, וועמען יענעמס אַ קרוב, פון ניו יאָרק, האָט די היסטאָריע געשיקט, האָט יענער צוגעשיקט אַ האַלב פונט (אויף אַמעריקאַנער געלט — צוויי און אַ האַלבען דאָלאַר) פאַר דער קאָפּיע. אַ טאַראַשטשע לאַנדספרוי, פון שיקאַגאָ, וועמען איהרער אַ קרוב פון ניו יאָרק האָט די היסטאָרי געשיקט, האָט צוגעשיקט אַ דאָלאַר, ניט וויסענדיג, אַז דער שרייבער האָט זיין אַרעם

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

ווערקעל געמאכט א מתנה צו יעדען טאראשטשער. די דריי און א האלבען דאלאר זיינען געווען אן אנפאנג פון א פאנד פאר א קראנקען לאנדסמאן, און מען האט געשאפען פאר'ן קראנקען א פאר צעהנדלינג דאלאר.

פון די פיעלע בריעף וועל איך בלויז ציטירען אויסצוגע פון איינינגע. די בריעף זיינען געשריבען פון „פערזענליכקייטען", מיט וועלכע אפילו פראפעסיאנעלע שרייבער, קאנען און מעגען שטאלץ זיין.

די באקאנטע אידישע אקטריסע, בעטי טאמאשעווסקי, געבוירען אין טאראשטשע, און ביז איהר עלפטען יאהר האט זי געוואהנט מיט איהרע עלטערען אין דיזען שטעטעל, שרייבט מיר א בריעף, פון וועלכען איך נעם ארויס די פאלגענדע עטליכע שורות:

„ווי גליקליך איך בין געווען", שרייבט מיר די מרס. טאמאשעווסקי, „ווען איך האב דערזעהן די היסטארי, מיט'ן נאמען „טאראשטשע", דער נאמען איז מיר איינגעקריצט אין מיין מוח, איך געדענק שוין ווייניג פון מיין שטעטעל. דער נאמען „ליבעטשאק" (גלובאטשאק, א טייכעל אין טאראשטשע, נאך וועמעס נאמען מען רופט יענעם גאנצען געגענד), האט מיר דערמאנט מיין ליעבען אלטען זיידען, אורען לייב, דעם פאטשטאר, (דער אלטער אורען לייב, ווי מען האט מרס. טאמאשעווסקי'ס זיידען גערופען, איז געווען איינער פון די דריי נגידים, וואס האבען זיך אין יענער צייט געפונען אין שטאט), עס איז א שעהנער טהאט, צו באשרייבען דאס שטעטעל טאראשטשע, מיט איהרע אידען, מיט זייער לעבען . . . אך, ווי אינטערעסאנט . . . איך שיק אייך מיין הערצליכען דאנק, איך וועל האפען, אז איהר וועט נאך ווייטער שרייבען פון טאראשטשע, וועלכעס איך וועל לעזען, מיט צופרידענהייט און דאנק.

אייער בעטי טאמאשעווסקי, געבוירען אין טאראשטשע.

אן אינטערעסאנטער בריעף איז אנגעקומען צום שרייבער פון דער היסטארי פון א לאנדסמאן, א באוואוסטער דאקטאר ספעציאליסט, מאיר גאלאב, פראפעסאר פון ניו יארקער מעדיקעל קאלעדזש, אפטער שרייבער אין זשורנאל „אף אמעריקאן מעדיקאל אסאסיאיישאן". פראפעסאר גאלאב שרייבט דעם בריעף אין א פיינעם אידיש, בעווירצט מיט העברעאישע מאמרים, וועלכעס ווייזט, אז ער האט נאך ניט פארגעסען, וואס ער האט אמאהל געלערענט אין אלטען היים שטעטעל „טאראשטשע". צווישען אנדערעס שרייבט פראפעסאר גאלאב פאלגענדעס:

„אייער ווערק „טאראשטשע", האב איך געלעזען, מיט גרויס אינטערעס, עס איז אן אויסדרוק פון א פיינער נשמה, פון א הארץ וואס קלאפט מיט אידעלקייט, אין פיינעם סענטימענט, וואס האט געקאנט ארויסרופען די אמביציע, צו שרייבען דעם אינטערעסאנטען מאנוסקריפט. איך גראטולירע אונזער לאנדסמאנשאפט מיט דיזען ווערק, און ווינש אייך, נאך פאר פיעלע יאהרען, אנצוגעהן מיט אייער נאבעלע ארבייט.

אייער פריינד, מאיר גאלאב.

נאך א בריעף פון א לאנדסמאן, א ספעציאליסט אין ברוקלין, דאקטאר ליפאוו, וועלכער, שטודירענד אין די אוניווערסעטעטען פון רוסלאנד, שווייץ און בערלין, האט נאך ניט פארגעסען דאס ביסעל אידיש, וואס ער האט געלערענט אין זיינע קינדער יאהרען, אין קליינעם שטעטעל „טאראשטשע". צווישען אנדערעס שרייבט דר. ליפאוו, פאלגענדעס:

„פון טיעפען הארצען דאנק איך אייך, פריינד ראווין, פאר'ן ווערטהפולען בוך. עס האט מיך איינגענומען איבעררראשט. איך האב ניט פארדעכטיגט אין אייך אזא היפשען ליטערארישען טאלאנט, עס איז מיר געווען זעהר אינטערעסאנט און איינ-

די היסטאָריע פון טאַראַשטשע

נענעסען, צו לעזען וועגען טאַראַשטשע און איהר באַוואָהנער, אייערע באַשרייבונגען האָבען לעבהאַפט ארויסגערופען די בילדער פון מיין היים, אין די יונגע יאָהרען. איך ווינש אייך נאָך פיעלע געזונטע יאָהרען, אַ גוט עלטער, און דאַנק אייך הערצליך פאַר אייער שעהנעם בוך.

מיט פריינדליכען גרוס, אייער ישעיה ליפּאָוו.

נאָך איין בריוועל פון אַן אַלטען לאַנדסמאַן, וועלכער די מייסטע טאַראַשטשער קאָנען, און דאָס איז פריינד משה באַיאַרסקי, וועלכער וואָהנט יעצט אין לאָס אַנזשעלאָס, קאַליפאָרניע, אין אמעריקא:

פריינד און לאַנדסמאַן, מר. ראַוווינסקי (מיין היימישער נאָמען):

שרייבט מיר מר. באַיאַרסקי, — „אונזער לאַנדסמאַן, פריינד פאַרמאַן האָט מיר צוגעשיקט אייער געלונגענע היסטאָרי „טאַראַשטשע", וועלכע איך האָב באַקומען שפּעט אין אָוונט, און האָב זי שוין ניט אַפּגעלאָזט, ביז איך האָב עס אין גאַנצען געענדיגט. וואָס זאָל איך אייך זאָגען, פריינד ראַוווינסקי? איך האָב מיך פּשוט מחיה געווען, אין דיזע מאָמענטען בין איך ניט געווען קיין היגער, איך האָב געשוועבט אין אַנדערע וועלטען, אין וועלכע איך האָב איבערגעלעבט מיינע קינדערשע און שפּעטערע יאָהרען, אמת'ע ריכטיגע בילדער, וועלכע דערמאָנען און וועקען די געפיהלען פון דעם עלטערן דור, טאַראַשטשער לאַנדסלייט, וואָס געדענקען נאָך, מעהר ווינציג, יענע פאַרגאַנגענע בילדער. איהר האָט אין די בילדער אַריינגעגעבען אַזאַ לעבענסקראַפט, פאַר וועלכער טרחה עס קומט אייך אַ גרויסען יישר כח, און אַ וואונש פון טיעפען האַרצען, אַז גאָט זאָל אייך געבען געזונט און לאַנגע יאָהרען, איהר זאָלט נאָך מעהרער קאָנען שאַפען, פאַר אייערע לאַנדסלייט און אייער געבורטס שטעטעל „טאַראַשטשע".

אייער איבערגעגעבענער פריינד, משה באַיאַרסקי.

מיר וועלען זיך נאָך טרעפען מיט אונזער אַלטען פריינד באַיאַרסקי'ן אויף די בלעטלאַך פון דער היסטאָרי. און יעצט עטליכע ווערטער צו אונזערע לאַנדסלייט בכלל:

פון טיעפען הערצען דאַנק איך אייך, לאַנדסלייט און פריינד, פאַר אייער פריינדליכע אויפנאַמע, פון מיין קליין ווערקעל, אייערע סימפּאַטישע בריעף, אייערע פּערזענליכע אויסדרוקען פון צופרידענהייט און דאַנקבאַרקייט, פאַר דער היסטאָרי, האָט מיר באַצאָהלט פאַר מיין אַרבייט, פאַר די שווערע קאָסטען, וואָס איך האָב אָוועקגעלייגט, „מאָראַלע" און „מאַטערעאַלע", בממון ובדמים. איך האָף, אַז די אַנדערע טהיילען וועלען אויפגענומען ווערען, מיט ניט ווייניגער סימפּאַטי, ווי דער ערשטער. אין די יעצטיגע טהיילען האַנדעלט זיך ניט פון דער פאַרגאַנגענער, האַלב פאַרגעסענער טאַראַשטשע, נאָר פון דער טאַראַשטשע, מיט אַכטצעהן, פופצעהן, צעהן, און פינף יאָהר צוריק. דיזע יאָהרען זיינען געווען זעהר טרויעריגע, זעהר ליידענספולע, פאַר גאַנץ רוסלאַנד, פאַר אונזערע ברידער אין אוקראַינע, און אויך, נאַטירליך, פאַר אונזער שטעטעל, מיר קאָנען זיך אָבער טרייסטען, אַז אונזערע לאַנדסלייט בכלל, אונזערע טאַראַשטשער סאָסייעטיס אין אַמעריקא, האָבען געטהון זייער פליכט צו זייערע קרובים, צו זייערע לאַנדסלייט, צו זייער שטעטעל בכלל, אַלס מענשען, אַלס ברידער, און אַלס אידען.

מיט הערצליכען גרוס,

אייער לאַנדסמאַן און פריינד,

יעקב ראובן (ראַוווינסקי).

קאפיטעל 1.

אוקראינע „פאר“, „אין“, און „נאך“ דער מלחמה און רעוואלוציע.

מיר קומען יעצט צום טרויעריגסטען טהייל פון אונזער היסטארי, צום טהייל, וואו מיר באשרייבען די „שרעקליכסטע איבערלעבונגען“ פון אונזער ליעב שטעטעל.

איידער מיר באשרייבען די שרעקליכע איבערלעבונגען פון אונזער טאראשטשע, וועלען מיר אין קורצען באריהרען דעם צושטאנד פון די אידען אין אוקראינע בכלל, די פארוויסטונג, פארניכטונג פון אידישע שטעט און שטעטלאך, פון כמעט גאנץ אוקראינע, פון אויסראטונג פון הונדערטע טויזענטע אידען, פון גאנצען אידישען תחום המושב (טשערטא אסיעדלאסטי), וואו די מלוכה האט ערלויבט די אידען, צו וואהנען, אין קאמפאקטע מאסען, זיך איינע די צווייטע לעבעדיג אויפעסען.

אוקראינע, אדער ווי מען האט די עטליכע גובערנים גערופען, אין דער צייט פון צאריזם — „מאלאראסיע“, — איז פון תמיד אן געוועזן אן „ארץ הדמים“, פאר די דארטיגע אידען, פון נאך גאר אלטע צייטען, די אוקראינער ערד האט מען גערופען „טשארני זיאם“ (שווארצע ערד), וואס איז, צוליעב איהר פעטקייט, מסוגל, ארויסצוגעבן אלערליי תבואות, פרוכטען, גרינסען, די עטליכע גובערנים פון מאלאראסיע האט מען אין רוסלאנד גערופען „זשיטניצא ראסיע“ (ברויט קאמער פון רוסלאנד), מעגליך, אז די ערד איז געווען אזוי פעט, ווייל נאך מיט הונדערטע יאהרען צוריק, האט זי זיך אנגעזאפט מיט אידיש בלוט, נאך פון די צייטען פון די קאזאקען, היידאמאקען, פון די צייטען פון כמעלניצקין, גאנטען און אנדערע באנדיטען, וואס די פעטע אוקראינע האט ארויסגעגעבן . . .

אין דער אידישער טשערטא אסיעדלאסטי (תחום המושב) פון אוקראינע זיינען פאגראמען אויף אידען ניט געווען קיין נאווינע (נייעס), זיי האבען זיך אזוי ווי איינגעבירגערט אין דער אידישער גאס. אידען וואס האבען געליטען פון פאגראמען, האבען אבער זיך אליין געזוכט צו טרייסטען, אז פאגראמען זיינען אן איבערגעהענדע ערשיינונג, די אידישע אונטערדריקונגען זיינען אויך ניט קיין אייביגע : „רוסלאנד ציוויליזירט זיך אלץ מעהרער, די צייטען פון כמעלניצקין, גאנטען און אנדערע באנדיטען, זיינען פארשוואונדען, און א זאך פון דער פארגאנגענהייט, און אפילו א „קעשעניעוו“ וועט זיך שוין אויך מעהר ניט אומקערען. רוסלאנד האט זיך מיט א „קעשעניעוו“ שטארק בלאמירט פאר דער ציוויליזירטער אייראפא, און וועט שוין מעהר ניט פראקטיצירען אזעלכע מעשים“, אזוי האבען זיך אידען געטרייסט, און געהאפט אויף בעסערע צייטען, אויף אידישע גלייך בארעכטיגונג, צו גלייך מיט דער אנדערער באפעלקערונג, אויף א ליבעראלע און בעסערע רוסלאנד, ליידער, האבען זיי זיך אפגענארט אין זייער האפענונג, אין זייער ערווארטונג, אויף בעסערע צייטען : די פאסירונגען אין אוקראינע מיט די אידען, אין די צייטען „פון“ און „נאך“ דער מלחמה, האבען באוויזען, אז דער באנדיטיזם פון אמאהל, פון דער קאזאטשעסטווא, הדייאמאשטשינא, דער גייסט פון באגדאן כמעלניצקין, גאנטען און אנדערע באנדיטען, איז ניט פארשוואונדען, אויך אין צוואנציגסטען יאהר הונדערט, די פינסטערע כחות, די באנדיטעריי ווערען נאר פאר-

שלאפען, אויף א צייט, א לענגערע, צו א קורצערע, זיי ערוואכען אבער, מיט פרישען מוטה, מיט נייער ענערגיע, מיט גרעסערע אכזריות און בעסטיאליטעט, צו רויבען, צו שענדען, צו מאטערען אידען, מיט כל ארליי פייניגונגען, וואס נאר אוממענשליכע טייוואלים קאנען אויסטראכטען. „אידען איז א מצוה צו הרג'ענען", האבען די באנ־דיטען געשריען, און אויב הרג'ענען, דארף מען מאכען די מיתות, וואס שוידערליכער, וואס גרויזאמער, מיט מעהרער מאטערניסע, מיט מעהרער ווייטאגען פאר'ן קערפער און אויך פאר'ן גייסט.

ביי כינעזער (טשיינים) איז דא א טויט שטראפע, וואס מען גיט גאר גרויסע פארברעכער, עס איז ניט קיין געוועגליכער טויט, נאר, ווי זיי רופען דאס : „טויזענט פאכינער טויט", מען גיט דעם פאר'משפט'ען צו פיהלען כל ערליי טויטען, אבער מען לאזט איהם ניט אויסגעהן, פון די מאטערניסע, מען ראטעוועט איהם אין דער לעצטער מינוט, אום מען זאל איהם קאנען נאך מאטערען, נאך מוטשען, אט אזעלכע שוידערליכע מיתות, שרעקליכסטע פייניגונגען, האבען אידען פון אוקראינע איבערגעטראגען, איבער־געלעבט אין דער צייט פון דער וועלט מלחמה, און נאך דער מלחמה. די גייסטיגע פייניגונגען זיינען געווען, פיליייכט, נאך שרעקליכער, ווי די קערפערליכע ענויים קשים. ניט ביי איינעם פון די מארטירער האט דאס הארץ געפלאצט, צוזעהענדיג, ווי מען פייניגט זיין פרוי, זיין מוטער, אדער זיין טאכטער, ניט איינער איז געפאלען טויט, גראבענדיג, צוזאמען מיט אנדערע אידען, קברים אין וועלכע מען וועט זיי לעבעדיגער־הייד באגראבען, עס האט אויסגעזעהן, ווי די בעסטיע אין מענשען פירט א וועט קאמפף מיט דער בעסטיע פון וואלד און זשאנגעל, ווער פון זיי איז ווילדער, שרעקליכער, מען דארף זאגען דעם אמת : די מענשליכע חיה האט ארויסגעוויזען, אז זי איז מעהר בעסטיע, ווי די חיה פון וואלד, פון זשאנגעל.

איידער מיר באשרייבען די איבערלעבונגען פון אונזער שטעטעל „טאראשטשע" אין דיזער שרעקליכער צייט, די פאסירונגען, די פאגראמען, הריגות, וואס טאראשטשע האט דורכגעמאכט, ביז די באלשעוויסטישע מאכט האט די אלע באנדעס אויסגעראטען, האט זיך פעסט געזעצט אין זאטעל, און רוהע, ארדענונג, האט אנגעהויבען הערשען אין לאנד, וועלען מיר ציטירען די ביטערע אויסשרייען פון צוויי גרויסע אידען, צוויי מקונן'ס, דאס זיינען, פראפעסאר איליא חפץ, און אונזער העברעאיש־אידישער נאצי־אנאלער פאעט, חיים נחמן ביאליק, און פאר זייערע קינות וועלען מיר ווידמען א באזונדער קאפיטעל.

קאפיטעל 2.

צוויי מקונן'ס פון אידישע פאגראמען און הריגות.

פראפעסאר איליא חפץ, פון קיעווער אוניווערזיטעט, האט זעהר פיעל געארבייט פאר די אידען אין אוקראינע, אין דער צייט פון די פאגראמען, הריגות און אויך שפעטער, מיטווארט און שריפט, ער האט באשריבען די פראגראמען אין א ווערק. וואס רופט זיך : „אוקראינער שחיטות", פון די יאהרען 1920-1919. דער חשוב'ער פראפעסאר שרייבט צווישען אנדערעס, פאלגענדעס :

„אנטקעגען די גרוילען פון דער אידישער טראגעדיע אין אוקראינע, זיינען בלייך אלע שילדערונגען אין דער וועלט ליטעראטור . . . ווי קאן נאך זיין אזא סצענע, ווי

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

אויף דער פּאַדלאָגע (פלאָר) ליגט אַ טויט קינד, פון אַ טויט פאַרוואונדעטע מוטער, אין אַ צימער, וואו עס ליגען די צופליקטע קערפּערס פון קינדס פאָטער און זיידען ? ווי קאָן זיין שרעקליכער, ווי אַ קינד ווערט משוגע, צוזעהענדיג דעם מאַרטירער טויט פון זיינע עלטערען, אָדער ווי אַ מוטער דערוואָרגט איהר אייגען קינד, כדי צו ראַטעווען איהרע אַנדערע קינדער, פון דער סעמייסטווע (פאַמיליע), ווייל, ליגענדיג אין אַ באַהעלטעניש, צוזאַמען מיט די אַנדערע קינדער, האָט דאָס אומגליקליכע קינד אָנגע־הויבען הוסטען, און מיט דעם הוסט האָט עס געקאָנט ברענגען צום באַהעלטעניש די באַנדיטען, וואָס האָבען ארומגעזוכט זייערע קרבנות, אום צו רעטען די אַנדערע קינדער פון די באַנדיטישע הענט, האָט די אומגליקליכע מוטער, מיט איהרע אייגענע הענט, דאָס קינד דערשטיקט".

„ווער עס האָט געזעהן די קרבנות פון די שרעקליכע פּאָגראָמען, ווער עס האָט געזעהן די שרעקליכע בילדער, די אייגעפאַלענע, ערד קאָלירגע פנים'ער, זייערע אויגען, וואָס קוקען מיט יאוש, מיט פאַרגליווערטען אומעט, אויגען, אין וועלכע עס בליצט אויף, פון צייט צו צייט אַ פייערעל, פון וואַנזין, משוגעת, וואָס דערצעהלען אַזוי פיעל איבערלעבעניש, אויגען, אין וועלכע עס איז אויסגעלאָשען יעדער פאַרלאַנג פון לעבען, יעדער פונק פון האָפענונג, מען זעהט אפילו ניט אין זיי דעם וואונש פון ראַכע, נקמה, געבליבען איז נאָר דער איינציגער פאַרלאַנג, צו שטאַרבען. ווער עס האָט אַזעלכע בילדער געזעהן, דער וועט אויף אייביג פאַרלירען די פעהיגקייט, אפילו צו שמייכלען, ער וועט זיך אייביג אַרומטראָגען מיט זיי פאַר'סם'טער נשמה אין דער ברייטער וועלט. וועט אין ערגעץ ניט געפינען קיין אָרט, קיין רוהע, קיין מנוחה" . . .

און דער גרויסער אונשטערבליכער העברעאיש־אידישער פּאָעט, חיים נחמן ביאַליק, דער דיכטער פון צער און צאָרן, ווי מען האָט איהם גערופען, זינגט :

על השחיטה

פריי איבערזעצט פון סיגעל.

אויף מיין בלוטיגען שיקזאַל,
האָב איך שוין מעהר קיין תפילות אין מיין ברוסט,
מיין האַרץ צובראָכען, טויט און פוסט,
הימלען ! אויב אין אייער בלאָיער טיעפקייט,
אויף זיין טהראָן דער אַלטער גאָט נאָך זיצט,
און געפונען האָב איך איהם נאָך ניט ביז איצט,
בעט איהר ביי איהם רחמנות פאַר מיר.
עס איז שוין קיין טראָפען כח ניט פאַראַנען . . .
ביז וואַנען שוין, ביז וואַנען שוין, ביז וואַנען ?
(עד מתי, עד מתי, עד מתי?)

נאָך די שרעקליכע בילדער, געמאָהלען פון פראָפעסאָר הפּץ, נאָך דעם פאַר־צווייפעלטען אויסשריי פון אונזער נאַציאָנאַלער פּאָעט, חיים נחמן ביאַליק, פיהלט מען, אַז ווי טרויעריג מען זאָל די פאַרגעקומענע פּאָסירונגען ניט באַשרייבען, מיט וועלכע שוואַרצע פאַרבען מען זאָל ניט מאָהלען, וועלען די בילדער אַלין אויסקומען בלאַס, שוואַך, אויך זוכען מיר ניט, צו שלעפּען טרעהרען פון די לעזער, אגב, שרייבען מיר ניט די היסטאָריע פון אוקראַינע, אָדער פון אוקראַינער פּאָגראָמען, מיר שרייבען

די היסטאריע פון טאראשטשע

בלויז די היסטארי פון אונזער שטעטעל, וועלכעס האט פארנומען א קליינעם פונקט אין אוקראינע, און שרייבענדיג פון אונזער אוקראיניש שטעטעל, די איבערלעבונגען פונ'ם ליעב שטעטעל, אין יענער מוטנער צייט, פון פאגראמען, שחיטות, מוזען מיר שוין באריהרען אוקראינע, דעם פלאץ פון די אידישע שחיטות . . .

אוקראינע איז געווען זעהר א געשמאקער ביסען פאר פיעל פעלקער, אויסלענדערשע און אינלענדערשע, צוליעב דער פעטקייט פון דער ערד, און צוליעב דעם האב און גוטס פון די אידען.

ווי געזאגט, איז טאראשטשע געווען א „קליינער פונקט" אינ'ם שחיטה פלאץ פון אוקראינע, און צו דיזען „קליינעם פונקט" וועלען מיר יעצט געהן.

קאפיטעל 3.

נאך אמאהל די אויפבויאונג פון טאראשטשע

אין ערשטען טהייל פון אונזער היסטארי האבען מיר באשריבען די אויפבויאונג פון טאראשטשע, וואו פון כוטארען (ווילעדזשעס), דערפלאך, איז, מיט דער צייט, געווארען א שטעטעל (מיעסטיעטשקע), שפעטער א גאראד (סיטי). מיר וועלען אביסעל אפפרישען דעם זכרון פון די לעזער, וועלכע האבען עס געלעזען אין ערשטען טייל, (און אפשר האבען זיי עס ניט געלעזען), וועלען מיר אין קורצען דערמאנען מאנכעס, וואס מיר האבען געשריבען אין ערשטען טייל.

עס זיינען דא צוויי דאטעס (דייטס), וועגען דער אלטקייט פון טאראשטשע, וואס מיר וויסען פון אפיציעלע דאקומענטען, אדער פון דער רוסישער ענציקלאפעדיע, אין אזא גענאנטע לעגענדארני כראניק (צייט), וואס מיר האבען געהערט פון אנדערע, וואס עלטערע דורות גיבען איבער, בעל פה, צו אינגערע. מיר וועלען ביידע דאטען (דייטס) אנאליזירען, מיר וועלען אנפאנגען פון דער לעגענדארני כראניק, וועלכע האט אויך אייניגער מאסען היסטארישע באשטעטיגונגען. די ערשטע באשטעטיגונג וועגען דער אלטקייט פון שטאט, איז דער בית עולמין : אויפ'ן אלטען בית הקברות פון טאראשטשע האט מען געפונען א מצבה, וואס איז שוין אלט הונדערט פינף און זעכציג יאהר, מען קאן זיך משער זיין, אז דיעזע מצבה איז מסתמא ניט געווען איין איינציגע, פון אזא עלטער. געווען פיליכט נאך עלטערע, וואס זיינען פון דער צייט, צושטערט געווארען. עס איז אויך א דבר הידוע, אז איידער דער אלטער בית הקברות איז געווען אין טאראשטשע, איז אין „פריסטאוו שילאס הויף", וואס האט זיך אנגעפאנגען אין דער שפעטער געווארענער „דווארינסקי אוליצע" (גאס) געווען א אידישער בית הקברות, ווער ווייסט, ווי אלט יענער בית הקברות איז געווען ? . . .

קאפיטעל 4.

די רבנישע דינאסטיע — בערדיטשעווסקי.

אז טאראשטשע איז זעהר אלט, קאן מען זעהן, ניט נאר פון די בית עלמין'ם, נאר פון א דינאסטיע רבנים אין טאראשטשע, פון זעקס דורות צוריק, און דאס איז די רבנישע דינאסטיע — בערדיטשעווסקי, — וואס האט זיך אנגעפאנגען אין טאראשטשע מיט קארגע צוויי הונדערט יאהר צוריק, מעגליך, נאך פריהער, פאר דער דינאסטיע,

די היסטאריע פון טאראשטשע

בלויז די היסטארי פון אונזער שטעטעל, וועלכעס האט פארנומען א קליינעם פונקט אין אוקראינע, און שרייבענדיג פון אונזער אוקראיניש שטעטעל, די איבערלעבונגען פונ'ם ליעב שטעטעל, אין יענער מוטנער צייט, פון פאגראמען, שחיטות, מוזען מיר שוין באריהרען אוקראינע, דעם פלאץ פון די אידישע שחיטות . . .

אוקראינע איז געווען זעהר א געשמאקער ביסען פאר פיעל פעלקער, אויסלענדערשע און אינלענדערשע, צוליעב דער פעטקייט פון דער ערד, און צוליעב דעם האב און גוטס פון די אידען.

ווי געזאגט, איז טאראשטשע געווען א „קליינער פונקט" אינ'ם שחיטה פלאץ פון אוקראינע, און צו דיזען „קליינעם פונקט" וועלען מיר יעצט געהן.

קאפיטעל 3.

נאך אמאהל די אויפבויאונג פון טאראשטשע

אין ערשטען טהייל פון אונזער היסטארי האבען מיר באשריבען די אויפבויאונג פון טאראשטשע, וואו פון כוטארען (ווילעדזשעס), דערפלאך, איז, מיט דער צייט, געווארען א שטעטעל (מיעסטיעטשקע), שפעטער א גאראד (סיטי). מיר וועלען אביסעל אפפרישען דעם זכרון פון די לעזער, וועלכע האבען עס געלעזען אין ערשטען טייל, (און אפשר האבען זיי עס ניט געלעזען), וועלען מיר אין קורצען דערמאנען מאנכעס, וואס מיר האבען געשריבען אין ערשטען טייל.

עס זיינען דא צוויי דאטעס (דייטס), ווענען דער אלטקייט פון טאראשטשע, וואס מיר ווייסען פון אפיציעלע דאקומענטען, אדער פון דער רוסישער ענציקלאפעדיע, אין אזא געגאנטע לעגענדארני כראניק (צייט), וואס מיר האבען געהערט פון אנדערע, וואס עלטערע דורות גיבען איבער, בעל פה, צו אינגערע. מיר וועלעןביידע דאטען (דייטס) אנאליזירען, מיר וועלען אנפאנגען פון דער לעגענדארני כראניק, וועלכע האט אויך אייניגער מאסען היסטארישע באשטעטיגונגען. די ערשטע באשטעטיגונג ווענען דער אלטקייט פון שטאט, איז דער בית עולמין: אויפ'ן אלטען בית הקברות פון טאראשטשע האט מען געפונען א מצבה, וואס איז שוין אלט הונדערט פינף און זעכציג יאהר, מען קאן זיך משער זיין, אז דיעזע מצבה איז מסתמא ניט געווען איין איינציגע, פון אזא עלטער. געווען פיליכט נאך עלטערע, וואס זיינען פון דער צייט, צושטערט געווארען. עס איז אויך א דבר הידוע, אז איידער דער אלטער בית הקברות איז געווען אין טאראשטשע, איז אין „פריסטאוו שילאס הויף", וואס האט זיך אנגעפאנגען אין דער שפעטער געווארענער „דוואריאנסקי אוליצע" (גאס) געווען א אידישער בית הקברות, ווער ווייסט, ווי אלט יענער בית הקברות איז געווען ? . . .

קאפיטעל 4.

די רבנישע דינאסטיע — בערדיטשעווסקי.

אז טאראשטשע איז זעהר אלט, קאן מען זעהן, ניט נאר פון די בית עלמין'ם, נאר פון א דינאסטיע רבנים אין טאראשטשע, פון זעקס דורות צוריק, און דאס איז די רבנישע דינאסטיע — בערדיטשעווסקי, — וואס האט זיך אנגעפאנגען אין טאראשטשע מיט קארגע צוויי הונדערט יאהר צוריק, מעגליך, נאך פריהער, פאר דער דינאסטיע,

דינאַסטיע איז געווען הרב צדוק, נחום יוסף'ס זוהן. איך קען ניט זאָגען אויף איהם קיין מיינונג, ווייל, ווען איך בין געווען אין טאַראשטשע, איז ער נאָך קיין רב ניט געווען, געווען נאָך גאָר א יונגער מאַן . . .

עס טהוט מיר באמת לייד, וואָס איך קאָן קיין בעסער מיינונג אויף די אלטע רבנים פון טאַראַשטשע ניט געבען. זייענדיג אין דער אלטער היים, האָב איך זיך ווייניג אינטערעסירט מיט די רבנים פון אונזער שטעטעל, און קיין באַזאָנדערע מעלות האָט מען אין שטאָט ניט געהערט וועגען זיי, מען דאַרף אפילו ניט זיין קיין גרויסער למדן, צו זיין אַ מבין אויף אַ רב, אַ גרעסערען, צו אַ קלענערען, מען דערשמעקט עס גלייך . . . „קול המון, כקול שדי", או אַזוי איז געווען דער קול המון . . . איך זאָל נעווען, מיט עטליכע צעהנדלינגע יאָהר צוריק, וויסען, אַז עס וועט פון מיין ווייניגקייט געשריבען ווערען, אַ היסטאָריע פון אונזער שטאָט, וואָלט איך אין יענער צייט געווען מעהרער זיך באַקאַנט מיט די רבנים . . .

דער לעצטער פון דער רבנישער דינאַסטיע „בערדיטשעווסקי" איז געווען, — און איז — זלמן בערדיטשעווסקי, אַ זוהן פון הרב צדוק, אַ געבילדעטער יונגער מאַן, וועלכער האָט געלערענט אין פאַרשיעדענע ישיבות אין רוסלאַנד און אין אַמעריקאַ, ער האַלט אַ היברו און אידישער סקוהל אין ברוקלין, ניו יאָרק.

ווי פריהער געזאָגט, האָט גענומען קאַרגע צוויי הונדערט יאָהר, פון דעם ערשטען טאַראַשטשער רב „ר' משה דער גרויסער", ביז דעם יעצטיגען בן הרב, מר. זלמן בערדיטשעווסקי, דעם זעקסטען פון דער דינאַסטיע. עס איז ווירקליך אַ שעהנע די־נאַסטיע, גרעסערע, אָדער קלענערע רבנים, דער הער זלמן בערדיטשעווסקי מעג שטאָלץ זיין, מיט די פינף אבות רבנים, און טאַראַשטשע איז שטאָלץ מיט דער דינאַסטיע פון די־רבנים „בערדיטשעווסקי".

קאַפּיטעל 5.

אַפיציאַלע כראָניק וועגען טאַראַשטשע.

וועגען דער אַפיציאַלער כראָניק פון טאַראַשטשע, האָט אונז געמאָלדען אַן אַפיציעלער פּערזאָן, פריינד און לאַנדסמאַן, חנן אַלשאַנסקי, וועלכער איז געווען אַ צייט קלוירק אין פּאָליציי, און נאָכהער אָלדערמאַן אין סיטי האָל. די דאָטע פאַנגט זיך אָן פון יאָהר 1765, ד. ה. מיט 171 יאָהר צוריק, אין יענעם יאָהר האָט טאַראַשטשע שוין געצעהלט אַ אידישע באַפעלקערונג פון 184 נפשות. אין יאָהר 1789 זיינען אין שטעטעל געווען צוויי און זיבציג אידישע דאָמאָוואַלאָדעלצעס, (לענדלאָרדס), אין יאָהר 1800, איז טאַראַשטשע געוואָרען אַן אויעזדני גאָראָד, (קאָונטי). מיר לעזען ווייטער אין דער ענציקלאָפּעדיע : אין יאָהר 1847 זיינען אין טאַראַשטשע געווען 1388 אידישע נפשות, מיט פופציג יאָהר שפּעטער, אין יאָהר 1897 איז שוין אין טאַראַשטשע געווען אַ אידישע באַפעלקערונג פון 4995 נפשות.

אַזוי איז טאַראַשטשע געוואַקסען, אפילו מיט אַ לאַנגזאַמער טעמפּאָ, אָבער דאָך, געוואַקסען, זיך פאַרגרעסערט, פאַרשעהנערט, מיט שעהנע גאַסען, שעהנע הייזער, רייכע קלייטען, אידישע אינסטיטוציעס, מיט וועלכע, ניט נאָר אידען האָבען שטאָלצירט, נאָר געווען אַ שיינדעל פאַר דער גאַנצער שטאָט, מען קען זאָגען אויף טאַראַשטשע,

די היסטאריע פון טאראשטשע

דעם שבח : אויב זי איז ניט געוואקסען אין כמות (קוואנטיטעס), איז זי אבער גע־וואקסען אין איכות (קוואליטעט, מעלות), מיט איהרע לומדים, קלוגע אידען, מיט איהרע נוצליכע וואלטהעטיגע אינסטיטוציעס, וואס האבען געהאט א שם אין אלע שטעטלאך ארום. אין קאמערץ האט זי ניט געקאנט וואקסען גרויס, ווייל איהר געאגראפישע לאגע האט עס איהר ניט ערלויבט : זי האט ניט געהאט נאהענט, אדער ארום זיך קיין גרויסען טייך, קיין באן, פאבריקען, זאוואדען. דאס שטעטעל האט אבער געבליעט אויף איהר רוהיגען, סאלידען שטיגער, אהן טומעל, אהן רעש. איז איינער געווען יונג, אדער אין די מיטלע יאהרען, איז ער אוועק קיין אמעריקא, אדער אין אן אנדער מדינה, אויב ער האט געהאט אויף הוצאות, געפאהרען איז ער אליין, צו מיט דער פאמיליע, אדער געשיקט פריהער די קינדער, וועלכע האבען שוין שפעטער ארויסגענומען די גאנצע סעמייסטווע (פאמיליע). אזא צושטאנד האט אנגעהאלטען, ביז דעם יאהר 1914, ווען עס האט אויסגעבראכען די גרויסע „וועלט מלחמה", (וואירלד וואר), וועלכע האט פארניכטעט צעהן מיליאן מענשען, אנדערע צעהן מיליאן, אדער מעהר, זיינען פארוואונדעט, פארגעמט, פארקריפעלט געווארען, ניט נאר קערפערליך, נאר גייסטיג, פילייכט נאך מעהר, ווי קערפערליך, מען האט גע־האפט, אז די געוועזענע מלחמה איז געווען און וועט שוין זיין די „לעצטע", אז עס איז געווען א מלחמה, צוליעב מלחמה, אום עס זאל שוין מעהר קיין מלחמות ניט זיין. ליידער, ליידער, איז די געוועזענע מלחמה גאנץ ווייט פון דער „לעצטער". די וועלט מלחמה, אדער בעסער געזאגט, דער „וועלט פרידען" האט איבערגעלאזט אונצופרידענ־הייט ביי די באזיגטע, ווי ביי די זיגער, שנאה, האס, ביי יחידים ווי ביי פעלקער, מענשען האס, פעלקער האס, איז יעצט פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט, אסך מעהר, ווי פאר דער לעצטער מלחמה, אסך שטארקער ווי מיט צוויי און צוואנציג יאהר צוריק. אין די יאהרען פון נאך דער מלחמה האט מען צוגעגרייט און מען גרייט צו אזעלכע כלי משחית, וואס זיינען פיעל מורא'דיקער, שרעקליכער, פארניכטענדער, ווי די כלי משחית פון דער פארגאנגענער מלחמה. עס שטעלען זיך ממש די האר קאפויר, ווען מען שטעלט זיך פאר אין די געדאנקען, ווי אומגליקליך די וועלט וועט זיין, ווען בעהיטע גאט, עס זאל אויסברעכען א נייע מלחמה. „גאט היט אפ די מענש־הייט פון דעם אומגליק פון „מלחמה" . . .

מיר געהען ניט באשרייבען די וועלט מלחמה, וואס האט זיך אנגעפאנגען מיט צוויי און צוואנציג יאהר צוריק. מיר זיינען ניט קיין שרייבער בכלל, מיר ווילען בלויז באשרייבען, וואס אונזער שטעטעל טאראשטשע האט איבערגעלעבט אין דעם פעריאד פון דער מלחמה און נאך דער מלחמה. ניט אלע איבערלעבונגען ווילען מיר באשרייבען עס וואלט פארנומען פיעל בענדער. מיר ווילען נאר עטליכע עפיזאדען פארצייכענען, אויפכאפען עטליכע בילדער, פון די געשעהעניש אין שטאט, ביי פארשיעדענע אינוואזיעס, פעריעכאדען, איבערפאלען, איבערגאנגען פון האנט צו האנט, פארצייכענען א קליינע צאהל אטריאדען, חיילות, באנדעס, וואס האבען די שטאט באזוכט, און יעדער באזוך, יעדער איבערגאנג האט געקאסט אידען „ממון און דמים", ביי יעדען איבערגאנג פון איין צד, צו א צווייטען, זיינען די אידען געווען די הויפט קרבנות. עס האט גע־שיינט, אז די מלחמה, צווישען פארשידענע פארטייען און געגנער, איז א נעבען זאך, דער הויפט צוועק פון אלעמען און יעדען, איז די אויסראטונג, פארניכטונג פון אידען, עס האט אויסגעזעהן, אז איין הסכם איז געווען ביי אלע צדדים : להרוג ולהשמיד את כל היהודים . . . .

די היסטאָריע פון טאראשטשע

קאַפּיטעל 6.

דער צושטאַנד אין טאַראַשטשע אין די ערשטע פאַר יאָהר מלחמה

די ערשטע פאַר יאָהר מלחמה האָט מען אין טאַראַשטשע כמעט זי ניט געפיהלט, אָדער בעסער געזאָגט, מען האָט געפיהלט די פאַרבעסערונג, וואָס די מלחמה האָט מיטגעבראַכט : פרנסה איז, צוליעב דער מלחמה, געוואָרען באַדייטענד בעסער ; מעהרער שפע אין די קלייטען, מעהרער אַרבייט ביי די בעלי מלאכות, פויערים האָבען פאַר זייערע פּראָדוקטען געקראָגען גוטע מקחים, סוחרים, וואָס האָבען געהאַט וואָס צו פאַרקויפען, קרעמער, וואָס האָבען געהאַט זאַפּאַסען (רעזערפען), האָבען פאַר די זאַפּאַסען אָפּגעלייזט דאָבעלע מקחים, עס איז בכלל געווען פרעהליך אין די קעשענים (פאָקעטס) פון דער שטאַטישער און דאָרפישער באַפעלקערונג. די צרות פון דער מלחמה האָבען נאָר געפיהלט די יעניגע, וואָס האָבען געוואָהנט אין דער זאָנע (געגענד) פון די מלחמה ראַיאָנען, אָדער ניט ווייט פון די לענדער, מיט וועלכע רוסלאַנד האָט מלחמה געפיהרט, אָדער פרויען, עלטערען, נאָהענטע קרובים פון די יעניגע, וואָס האָבען זיך געפונען אין די מלחמה פראָנטען. אָט די ליידען פון דער מלחמה האָט געפיהלט די אויסגערעכענטע קאַטעגאָרי פון דער באַפעלקערונג, אָהן אויסנאַמע, אידען, ווי קריסטען, אָבער ווען די רוסישע אַרמייען האָבען אָנגעהויבען ליידען מפלות אויף די שלאַכטפעלדער, האָבען די מיליטערישע שטאַבען אָנגעהויבען זוכען, אויף וועמען זייערע מפלות אַרויפוואַרפען, און, ווי אימער און איבעראַל, האָבען זיי געפונען דעם אידען, אויף וועמען זייער אונפעהיגקייט, זייערע מפלות אַרויפצוואַרפען :, „די אידען שפּיאָנירען פאַר די רוסישע שונאים, און איבער דעם אידישען שפּיאָנאַזש ליידען די רוסישע „מעכטיגע אַרמייעס מפלות”, אַזוי האָבען די רוסישע קאָמאַנדירען זיך פאַרענטפערט פאַר זייער לאַנד און אויך קעגען אַנדערע לענדער, זייערע שותפים.

די מיליטערישע שטאַבען האָבען אָנגעהויבען אַרויסשיקען אידען פון די מיליטערישע זאָנען, פון די נאָהענטע גרענעצען, צעהנדלינגע טויזענטע אידישע פאַמיליעס, וואָס האָבען געוואָהנט אין יענע געגענדען צעהנדלינגע און הונדערטע יאָהרען, האָט מען אַרויסגעשיקט אין די ווייטע גובערנים, מאַנכע אַזוי ווייט, ווי קיין סיביר, אָבער טאַראַשטשע, וואָס איז געלעגען ניט אין דער מלחמה זאָנע, ניט נעבען אַ גרענעץ, ניט אפילו נעבען אַ באַן, אַ טראַקט (טרעפּיק), זי האָט ניט געוואוסט פון אַזעלכע צרות, דאָס לעבען אין טאַראַשטשע איז זיך געפלאָסען רוהיג, געמיטליך, מען האָט געפיהלט, ווי געזאָגט, די פאַרבעסערונג, די זאָגענאַנטע שפע, וואָס די מלחמה האָט מיטגעבראַכט.

היימישע פּאָליטיקאַנטען, די זאָגענאַנטע חכמי ליזשאַנקע, האָבען אויסגערעכענט, אַז אַזאַ גרויסע מלחמה, אין וועלכער אַ האלבע וועלט איז פאַרוויקעלט, קאָן זיך לאַנג ניט האַלטען, זיי זיינען געגאַנגען מיט נאַפּאָליעאָנס ווערטעל, אַז צו אַ מלחמה דאַרף מען האָבען דריי זאַכען : געלט, געלט און געלט, עס וועט פּשוט ניט קלעקען ביי די מלוכות קיין געלט, די מלחמה לאַנג אָנצוהאַלטען, ווילענדיג, ניט ווילענדיג, וועלען זיי מוזען מאַכען אַ שנעלע ענדע — שלום.

רוסישע אידען האָבען ערוואַרטעט, אַז זייער לאַגע וועט זיך אין רוסלאַנד פיעל פאַרבעסערען, זיי האָבען ערוואַרטעט; אַז רוסלאַנד וועט זיך שעמען, מיט איהר רעאַקציע, קעגען איהרע סאָיוזניקעס, (פאַרבונדעטע), די ליבעראַלסטע מלוכות פון איראָפּע : ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, איטאליע — לענדער, וואו אידען האָבען

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

גענאָסען אַלע פרייהייטען, צו גלייך מיט דער קריסטליכער באַפעלקערונג, וועט רוסלאַנד זיך פּשוט שעהמען פאַר דיזע לענדער מיט איהר רעאַקציע, מיט איהרע אויסנאַמסו געזעצע, בנוגע אידען, אַזוי האָבען אידען געהאָפט, ערוואַרטעט אַ שנעלע ענדע פון דער מלחמה, מעהרער פרייהייט פאַר'ן גאַנצען לאַנד, און אויך מעהרער פרייהייט פאַר די זעקס מיליאָן אידען, וואָס האָבען צו יענער צייט זיך געפונען אין דער רוסישער אימפעריע.

וואָס די ענדע איז געווען, ווייסען מיר: אַנשטאָט חדשים, וואָס די „פּאָליטיקאַנטען" האָבען אויסגערעכענט, אַז די מלחמה וועט נעמען, האָט זי זיך אַוועקגעצויגען יאָהרען, אַנשטאָט, די „לעצטע", וואָס מען האָט געהאָפט, אַז זי וועט זיין, איז זי זעהר ווייט פון דער „לעצטער". אַלע פעלקער, אַלע לענדער און מלוכות, זיינען יעצט, ווי אויף אַ וואולקאַן, וואָס קאָן צו יעדער צייט אויסברעכען, און מיט זיין לאַווע פאַרפלייצען די גאַנצע וועלט. אייראָפּע און אַזיע זיינען ווי אַ פאַס פולווער, וועלכער אַ קליינער פונק קאָן אויפרייסען. נאָר מיר ווילען זיך אומקערען צו אונזער שטעטעל און פאָרטזעצען די באַשרייבונג, ווי מען האָט זיך דאָרט געפיהלט אין דער ערשטער צייט פון דער מלחמה.

ווי מיר האָבען פריהער דערצעהלט, האָט מען די ערשטע פאַר יאָהר מלחמה זי כמעט ניט געפיהלט אין טאַראַשטשע, אָדער בעסער געזאָגט, מען האָט געפיהלט די פאַרבעסערונג, וואָס די מלחמה האָט מיטגעבראַכט, אין מאַטריאַלען זינען: אַבוואָל טאַראַשטשע איז געווען פון די גאַנץ קליינע קאָמערציאַלע שטעטלאַך אין אוקראַינע, דאָך האָט זיך גאַנץ דייטליך אָנגעזעהן די פאַרבעסערונג, די זאָגענאַנטע פּראָספּעריטי (שפע), אין שטאָט און אומגעגענד. ספּעציאַל האָט געבליהעט די אידישע באַנק, (סביעריעגאַטיעלי קאַסע), וואָס טאַראַשטשער אידען האָבען מיט יאָהרען צוריק געגרינדעט, און היימישע קריסטען זיינען נאָכהער אויך אַריין אין איהר. קאָמערץ האָט זיך צוליעב דער מלחמה פאַרבעסערט, סוחרים האָבען מעהר געהאַנדעלט, קרעמער האָבען מעהר געלייזט, וואָס מעהר געשעפטען מען האָט געטהון, מעהר געלט האָט מען געברויכט צום האַנדעל, די באַנק האָט אַרויסגעגעבען מעהר הלוואות, און עס איז געווען אַ גרויסע הילפע פאַר דער שטאָדט.

עס האָבען זיך שוין אפילו אָנגעהויבען הערען ניט קיין פרעהליכע ידיעות פון די מלחמה פראָנטען, פון רוסישע מפּלות, מען האָט געריסען שטיקער פון דער רוסישער אימפעריע, עס האָבען זיך שוין געהערט פּאָגראָמען פון נאָהענטע און ווייטע שטעט און שטעטלאַך, אָבער אין טאַראַשטשע איז געווען שטיל. טאַראַשטשער אידען האָבען זיך געטרייסט: „ביי אונז וועלען קיין פּאָגראָמען ניט זיין, האָבען זיי געזאָגט, מיר האָבען קיין מאָהל קיין פּאָגראָמען ניט געהאַט, און וועלען, מיט גאָט'ס הילף, ווייטער אויך ניט האָבען: מיר האָבען אין אַלע צייטען געלעבט גוט מיט אונזערע קריסטליכע שכנים, און יעצט, ווען מיר האָבען מיט זיי בשותפות אונזער באַנק, איז אין זייערע אינטערעסען, אַפּהיטען, עס זאָל די אידען קיין שלעכטעס געשעהן, ווייל עס וועט שאַדען דער באַנק, אין וועלכער עס צעהלען זיך איבער צוויי הונדערט קריסטליכע מיטגליעדער.

אַזוי האָבען זיך טאַראַשטשער אידען געטרייסט, געוואָלט זיך אַליין איינרעדען, אַז טאַראַשטשער איז געשיצט קעגען פּאָגראָמען. ליידער, ליידער, האָט זיך אויסגעלאָזט פיעל ערגער, ווי מען האָט געהאָפט און ערוואַרטעט, ווי מיר וועלען זעהן ווייטער אין אונזערע קאַפּיטלאַך . . .

די היסטאריע פון טאראשטשע

קאפיטעל 7.

אוקראינע, דער גהינם פאר אידען.

די האפענונג, אז אין טאראשטשע וועלען קיין פאגראמען ניט זיין, ווייל מען לעבט פריינדליך מיט די קריסטליכע שכנים, אז טאראשטשע ליגט ווייט פון די פיינד־ליכע גרעניצען, אז אפילו פון א באן ליגט זי ווייט, און נאך אזעלכע סימנים, אויף וועלכע טאראשטשער אידען האבען זיך געשטיצט, האבען זיך, ליידער, ארויסגעוויזען ווי א מיראזש, וואס נארט אפ. די מלחמה פראנטען זיינען טאקע געווען ווייט פון טאראשטשע, און אפילו פון קיעווער גובערני, אבער אוקראינע, מאלאראסיע, איז געווען זעהר א פעטער ביסען, געררייצט די אפעטיטען פון פעלקער און מלוכות, וועלכע האבען געוואלט אפרייסען פון רוסלאנד איהר „ברויט קאמער", ווי מען האט גערופען דעם פעטען טשארנאזיאם (שווארצע ערד), פון די עטליכע גובערנים פון מאלאראסיא. דייטשלאנד און עסטרייך האבען ארויפגעלייגט זייערע שווערע לאפעס אויף אוקראינע. די ערשט אויפגעשטאנע פוילען, האט זיך גערעכענט, נאך פון אמאהל, פאר'ן אמת'ען יורש פון אוקראינע, די היימישע אוקראיניצעס, די שטענדיגע איינוואהנער פון מאלאראסיע האבען געוואלט גרינדען א באזונדער אוקראינישע מלוכה. צארישע פאלקען, ווי דעניקינצעס און אנדערע, ווי אויך די באלשעוויקעס, האבען געוואלט פארהיטען די גאנצקייט פון רוסלאנד, די אלע האבען געקעמפט איינער מיט די אנדערע, און אזוי איז אוקראינע געווארען דאס שלאכט פעלד פון פעלקער און מלוכות, די ארענא פון אלער האנט אטריאדען, פאלקען, פארטיזאני, פעטליוראוצים, הײדאמאקען, באטקעס און גלאט באנדעס. די אלע זיינען געווען צושפרייט איבער די זעקס גובערנים פון קיעווער אקרוג (קרייז), מיט פלענער און אהן פלענער, פארשידענע פראגראמען, וואס יעדער צד האט געהאט, נאר איין פלאן האבען זיי געהאט, אן אלגעמיינעם, און דאס איז — רויבען, מארדען, אויסראטען די אידישע באפעלקערונג. זייער לאזונג איז געווען: „ביי זשידאוו, ספאסאיי ראסייו" (שלאג אידען און ראטע רוסלאנד). א טהייל פון די חיילות, אטריאדען, באנדעס, האבען אויך באזוכט אונזער טאראשטשע. יעדער אטריאד און באנדע האט איבערגעלאזט נאך זיך ניט ווייניג קרבנות, ניט ווייניג פאר־פייניגטע, צום טויט פארמוטשעטע, ניט ווייניג פארקריפעלטע און פארוואונדעטע, און ניט ווייניג אידיש האב און גוטס איז צוגערויבט, צושטערט, און פארניכטעט געווארען.

ניין און צוואנציג פעריעכאדען האט טאראשטשע איבערגעלעבט, ניין און צוואנציג איבערגאנגען פון האנט צו האנט, פון מאכט צו מאכט, האט אונזער ארעם שטעטעל דורכגעמאכט, און נאך יעדער איבערגאנג פון איין מאכט צו דער צווייטער, פון איינע הענט צו די אנדערע, איז דאס שטעטעל געווארען שיטערער, און דער בית הקברות, געדיכטער . . .

מיר וועלען ניט באשרייבען די אלע פעריעכאדען, די אלע איבערגאנגען, נאר איינע פון זיי, איינע טרויעריגע עפיזאדען, וואס האבען באגלייט די פעריעכאדען, מיר וועלען אנפאנגען מיט אן עפיזאד, פון א פאלק, וואס איז געקומען קיין טאראשטשע, דאס איז געווען דער „טשעטשענסקי" פאלק. מיר וועלען רופען דעם עפיזאד — „דריי פאר שטיוועל", ווייל די שטיוועל האבען געקאנט שפיעלען א גרויסע ראלע אין דעם שיקזאל פון שטעטעל, ווי איהר וועט לעזען אין פאלגענדען קאפיטעל.

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

קאפיטעל 8.

דריי פאר שטיוועל.

אין דער געשיכטע פון חורבן ארץ ישראל, דאס אידיש לאנד, פון דער צושטערונג פון דער אמאהליגער אידישער מלוכה, ווערען דערצעהלט פארשידענע עפיזאדען, אז די און די שטאט איז חרוב געווארען איבער א האהן און א הוהן, יענע און יענע שטאט איז צושטערט געווארען, איבער איין אקס פון א וואגען, און נאך אזעלכע טרויעריגע עפיזאדען אונזער טאראשטשע איז שיעור חרוב געווארען, אדער וויינינגסטענס וואלט דארט געקאנט זיין א שרעקליכע בלוטבאד, איבער דריי פאר שטיוועל. און נאר די קלוגע טאקטיק פון א טאראשטשער אידישען טשליען אופדאווע (סטאראסטע), האט די שטאט אפגעראטעוועט.

עס איז געוועזען אין דער צייט פון פאגראמען, אינוואזיעס, פעריעכאדען, אין גאנץ אוקראינע. אידיש האב און גוטס איז געראבט געווארען, שטעט צושטערט, אידיש בלוט האט זיך געגאסען ווי וואסער, פרויען זיינען געשענדעט געווארען, מענער זיינען פארפייניגט געווארען צום טויט, אוקראינער לופט איז געווען פול מיט געשרייען, געוויינען פון מארטירער. אבער אין טאראשטשע איז געווען שטיל, רוהיג, קיין מיליטער, קיין באנדעס, קיינע פאגראמען, אידען האבען געהאפט, ווי אמאהל, אין די פריהערדיגע יאהרען, זינט פאגראמען האבען זיך אנגעהויבען איינבירגערען אין די אידישע שטעט און שטעטלאך, פון אוקראינע, וועט טאראשטשע אויך יעצט אויסמיידען פאגראמען.

א געוויסען פריה מארגען, עס איז געווען דעם 17טען אקטאבער, 1917, האט אין דער לופט פון אונזער טאראשטשע זיך דערהערט דאס שאלען פון טראמייטען, דאס קלאפען פון בארבאנען, דאס איז ניט געווען פאר די אידען פון טאראשטשע קיין שופר של משיח, נאר א בשורה רעה, אז מיליטער, אדער א באנדע פאוסטאנצעס קומען אריין אין שטאט. דער שרעק פון די אידען איז געווען אומבאשרייבליך. הערענדיג, וואס עס קומט פאר אין אנדערע מקומות, האבען טאראשטשער אידען געוואוסט, אז ווער עס זאל ניט אריינקומען : דייטשען, פאליאקען, אוקראינער, צאריסטען, ווער עס זאל ניט זיין, וועלען די אידען זיין די ערשטע און אויך די לעצטע צו ליידען.

עס איז אריינגעקומען אין שטאט א פאלק סאלדאטען, וואס האבען געטראגען דעם נאמען „טשעטשענסקי” פאלק. גלייך ווי די סאלדאטען האבען אפגעלייגט זייערע געפעק, האבען זיי זיך צולאזט איבערן שטאט, מייסטענס אין מארק, צווישען די קלייטען, דריי סאלדאטען זיינען אריין אין דער לעדער קראם פון איינעם, הערשעל זלאטניק, האבען אנגעמאסטען דריי פאר שטיוועל, און האבען זיך געלאזט ארויסגעהן פון סטאר, ניט באצאהלענדיג פאר זיי.

אונזערע טאראשטשער לאנדסלייט אין אמעריקא געדענקען נאך געוויס דעם הערשעל זלאטניק, ווי אויך זיין פאטער, לייב, וועלכע זיינען געווען לעדער הענדלער, די לאנדסלייט געדענקען ווארשיינליך אויך, אז די ביידע, דער פאטער ווי דער זוהן, זיינען געווען „הארטע” יונגען, „זייערס” וועלען זיי קיין מאהל ניט נאכלאזען, פאר זייער א קאפיקע וועלען זיי „געהן ביז'ן בלוט”, און גראדע צו דיזען הערשלען האבען די דריי סאלדאטען געדארפט טרעפען.

הערשעל האט זיך געשטעלט זיי אנטקעגען, ניט געלאזט זיי פון קלייט ארויסגעהן, זיי האבען איהם אבער געוויזען זייערע שטיקעס (שטעכערס), א רמז, אז זיי זיינען גרייט די שטעכערס איהם אין הארצען אריינשטעכען.

הערשעל איז אוועקגעלאפען אין אופראווע (סיטי האל), געמאכט דארט א גוואלד, אז דריי סאלדאטען האבען איהם בארויבט אין דריי פאר שטיוועל, פון דער אופראווע האט מען געמאלדען וועגען דעם פאל דעם קאמאנדיר פון פאלק. דער קאמאנדיר האט באפוילען ארעסטיהען די דריי סאלדאטען און זיי איבערגעבען צו א קריגס געריכט, דער אופראווע האט דער קאמאנדיר געמאלדען, אז נאך הייטע וועט דער משפט פארקומען, און מען זאל פון דער אופראווע צושיקען א פארטרעטער, דעם משפט בייוואהנען, דער קריגס געריכט וועט פארקומען אין הערשעל סקווירסקי'ס האטעל, וואו די אפיציערען זיינען געשטאנען.

די אופראווע האט באשטימט אלס איהר פארטרעטער דעם אידישען טשליען (מיטגליד), חנן אלשאנסקי.

קאפיטעל 9.

דער משפט איבער די דריי סאלדאטען.

ווען דער אידישער טשליען אלשאנסקי איז געקומען אין האטעל, צום משפט, האט ער, באטראכטענדיג די סאלדאטען, וואס האבען זיך ארומגעדרעהט ארום האטעל, געזעהן בייזע, פינסטערע געזיכטער, אויגען, מיט בלוט אנגעגאסען, און קיין גוטעס האבען די אויגען ניט פארשפראכען. די סאלדאטען זיינען מייסטענס געווען אפגעריסען, אפגעשליסען, כמעט נאקעט און בארוועס.

דער קריגס געריכט האט זיך געעפענט, אונטער דעם פארזיץ פון פאלקאוואי קאמאנדיר, דריי אפיציערען און לאנדסמאן אלשאנסקי, אלס בעאבאכטער. די פארקלאגטע סאלדאטען האבען ניט געלייקענט זייער שולד, אז זיי האבען די שטיוועל גענומען, האבען זיך אבער פארטיידיגט, אז זיי האבען געהאט א רעכט עס צו טהון, — „מיר געהען פארגיסען אונזער בלוט פאר'ן פאטערלאנד", האבען זיי געזאגט, „מיר זיינען נאקעט און בארוועס, און די „זשידעס" האבען אין זייערע קלייטען שטיוועל, קליידער, כיעליא (וועש) און פיעלע אנדערע זאכען, אין וואס סאלדאטען נויטיגען זיך, מעגען סאלדאטען נעהמען פון די זשידעס, וואס עס פעהלט זיי".

די אפיציערען האבען זיך אנגעהויבען עצה'ן וואס פאר א דיסיזשאן (פסק), זיי זאלען ארויסגעבען.

„ק'סמיענקיע" (צום וואנט), דאס הייסט שיסען, האט דער קאמאנדיר געפאדערט, מיר דארפען ווייזען די סאלדאטען א ביישפיעל פון דיסציפלין און סאלדאטען עהרע, סאלדאטען דארפען פארגיסען זייער בלוט פר'ן פאטערלאנד, און ניט רויבען בירגער פון לאנד, מיר דארפען אויך ווייזען די בירגער, אז מיר שיצען זיי און דערלאזען ניט, מען זאל זיי בארויבען. מיט דעם וועלען מיר איינפלאנצען אין די בירגער טרייהייט און איבערגעבענהייט צו אונזער צד". די אפיציערען זיינען געווען קעגען טויט שטראפע, אבוואל עס איז קריגס צייט, — „עס וועט פארביטערען דעם גאנצען פאלק", האבען זיי געזאגט.

דער פארטרעטער פון אופראווע הט צוגעהערט די ארגומענטען פון די אפיצירען

און געבעטען ערלויבעניש, צו זאגען זיין מיינונג, מען האט איהם די ערלויבעניש געגעבען, ווי ער האט פארלאנגט.

„איך דענק", האט ער געזאגט, „אז די סאלדאטען האבען קיין שטראף ניט פארדינט, מען דארף פסיכילאגיש ארייננעהן אין זייער לאגע: וואס האט געמאכט די סאלדאטען צו רויבען די שטיוועל? „גאלי קראדיעט" (דער נאקעטער גנב'עט), זאגט א ווערטעל, ווען די סאלדאטען זאלען האבען אלעס, אין וואס זיי נויטיגען זיך, וואלטען זיי ניט גערויבט, ניט גע'גנב'עט, די אידען וועלען גערען באצאהלען פאר די שטיוועל, וועלען נאך באזארגען א פאר צעהנדלינג אנדערע סאלדאטען מיט שטיוועל און לאזט די סאלדאטען פריי. דאס באשטראפען די סאלדאטען וועט ארויסרופען ביים פאלק פארביטערונג קעגען אידען, זיי וועלען זאגען, אז איבער די אידען האט מען די סאלדאטען באשטראפט".

מען האט די סאלדאטען באפרייט. דער קאמאנדיר האט געהאלטען פאר די באפרייטע א רעדע, „אז זיי האבען דעם אידישען פארטרעטער צו פארדאנקען זייער לעבען, און זאלען ניט טהון קיין שלעכטס צו אידען, וועלכע זיינען די זעלבע בירגער פון לאנד, ווי יעדער איינער, זיינען ניט קיין שונאים דער מלוכה און דעם קריסטליכען פאלק. סאלדאטען דארפען פארגיסען זייער בלוט פאר'ן פאטערלאנד, אבער ניט שלעכטס טהון דער באפעלקערונג".

עס זיינען געווען געצעהלטע קאמאנדירען און אפיצירען, וואס האבען אפגע־האלטען די סאלדאטען פון רויב, דער קאמאנדיר איז געווען איינער פון אזעלכע געצעהלטע אין דער רוסישער ארמיי.

די באפרייאונג פון די סאלדאטען, און דעם אידישען פארטרעטער'ס רעדע האט זיך שנעל צוטראגען איבער'ן גאנצען פאלק, און געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק, אויף די סאלדאטען, זיי האבען אנגעהויבען קוקען אויף די אידען מיט פריינדליכע בליקען, און האבען פארשפראכען זיי קיין שלעכטס צו טהון.

ווען לאנדסמאן אלשאנסקי איז ארויסגעגאנגען פון קריגסגעריכט, איז דער פראפריעטאר פון האטעל (באלעבאס), הערשעל סקירסקי'ס איידעם, גאלדבערג, ארויפ־געפאלען אלשאנסקי'ן אויפ'ן האלדז און מיט טרעהרען אין די אויגען אויסגערופען: „איהר פריינד אלשאנסקי האט מיט אייער רעדע געראטעוועט אונז אלע און אויך זיך אליין, די סאלדאטען האבען באשלאסען, אויב מען וועט די ארעסטירטע באשטראפען, וועט איהר זיין דער ערשטער, דעם קאפ צו פארלירען, און די אנדערע אידען וועלען האבען דעם זעלבען סוף".

אויף מארגען איז דער פאלק אוועק, מיטנעמענדיג מיט זיך די רוהע פון די אידען אין שטאט: „מען איז געוואר געווארען פון אונזער שטעטעל", האבען די אידען געזאגט, „עס וועלען אנקומען אנדערע סאלדאטען, ווער ווייסט, ווי אזוי די אנדערע וועלען זיין? יעצט איז געשעהן א נס, אבער נסים געשעהען ניט אפט" . . .

קאפיטעל 10.

א בלבול וועגען צוויי פעסלאך גאלד.

זינט דער „טשעטשענסקי" פאלק איז אוועק פון שטאט, זיינען די אידישע איינ־וואהנער פון טאראשטשע געווארען זעהר אונרוהיג, מען געהט ארום אהן קעפ, כאטש קיין פאגראמען זיינען אין שטאט קיין מאהל ניט געווען, קיין באנדעס זיינען ניט

געקומען, און מיט דער קריסטליכער, שטאטישער באפעלקערונג לעבט מען, מעהר אדער ווייניגער, פריעדליך, אבער אין דער לופט האט זיך אנגעהויבען פיהלען איין אונרוהיגקייט : שטאטישע אנטעסימיטען, ספעציאל געוועזענע און יעצטיגע טשינאָוו־ניקעס און אינטעליגענטען בכלל, זיינען ארויסגעקראכען פון זייערע אידען פרעסערשע ווינקלען, אנגעהויבען עפענטליך העצען צו פאגראמען, מיט נייע און אלטע שקרים און בלבולים, אז אידען זיינען שונאים פון רוסישען פאלק, זיינען בונטאָווטשיקעס, באלשעוויקעס, ווילען מאכען „זייער טראצקין" פאר א צאר אין הייליגען רוסלאנד, אז זיי שיקען איבער קיין דייטשלאנד גאלדענע טשערוואנצים (רענדלאך), און נאך אזעלכע שקרים, צו וועלכע קריסטען האבען אנגעהויבען אויפמערקזאם זיך צוהערען, און פאר דעם האבען די אידען זיך זעהר געשראקען.

גראדע זיינען אין יענע טעג אין שטאט געשטארבען צוויי אלטע, רייכע אידען, וועלוועל שינקאראוו און קלמן לייב באזשאנט, געשטארבען זיינען זיי'אין איין וואך, און זיינען, געוועהנליך, באערדיגט געווארען אויפ'ן שטאטישען בית עלמין. נון זיינען די שטאטישע אנטעסימיטען ארויס מיט א פראוואקאציע, אז די צוויי רייכע אידען זיינען גאר ניט געשטארבען, דאס טראגען זיי אויף די מיטות, די באערדיגונג, איז געווען ניט מעהר ווי א פאלשע צערעמאניע, א מאסקאראד, צו פארבלענדען די אויגען, מען האט גאר פארשאטען ליידיגע קברים, די צוויי אידען האבען אוועקגעפיהרט צוויי פעסלאך גאלד קיין דייטשלאנד, וואו זיי זיינען פארבליבען, דאס גאלד האבען אידען פון דעם גאנצען געגענד צונויפגעקליבען, אום דייטשלאנד זאל האבען מעהרער געלט, די מלחמה מיט רוסלאנד אנפיהרען, און דער אידישער „קהל" האט די צוויי רייכע אידען אויסגעקליבען פאר שלוחים, דאס גאלד אוועקפיהרען. אזוי ווי טאראשטשע איז א קליינע שטאט, אפילו די שטאטישע קריסטען קאנען יעדען אידען פון שטאט, באזונדערס אזעלכע צוויי פראמינענטע, אלטע אידישע נגידים האט יעדער קריסט געקאנט, און זייער אבוועזענהייט פון שטאט וואלט גלייך באמערקט געווארען, עס וועט זיך אנהויבען פרעגעניש, שאלות, האבען די „כיטרע אידעלאך" אלעס באווארענט, מיט דעם כלומרשט'דיגען טראגען זיי אויף די מיטות און קבורה, אויף דעם זשידאָווסקי צווינטער (אידישען בית עלמין)". אזוי האבען די אנטיסימיטען ערקלערט צו זייערע צוהערער.

ווי נאריש דער אומגעלומפערטער פזמון איז געווען, האבען זיך געפונען מאנכע, וואס האבען אין איהם געגלויבט, אדער האבען זיך געמאכט, אז זיי גלויבען, ווייל זייער צוועק איז געווען, ארויסרופען א פאגראם, און ווי דער כלל איז : „דער צוועק הייליגט די מיטעל". אום צו ערייכען אזא „הייליגען צוועק", ווי א פאגראם אויף אידען, האבען די שלעכטע קריסטען אנגענומען דעם נארישען פזמון ווי „תורת לאקשען", און די כלומרשט, ארענטליכע קריסטען, אבוואהל זיי האבען געוואוסט, אז די גאנצע העצע איז שקר וכזב, האבען געפונען פאר געזונטער פאר זיך, צו שווייגען, זיך ניט אריינמישען, זיי האבען יוצא געווען מיט דעם, וואס זיי זיינען געשטאנען פון ווייטען, קיין אנטהייל ניט גענומען, די פאלגע פון דער פראוואקאציע איז געווען, וואס אין שטאט האט אויסגעבראכען א פאגראם, פון וואס : מען האט אין שטאט פריהער קיין מאהל ניט געוואוסט, די רייכע קלייטען פון ביעלאקאָווסקין, סקווירסקין, ליפא־וויעצקין און אנדערע זיינען צוראבירט געווארען. עס איז נאך געווען א גליק, וואס דער פאגראם איז פארגעקומען אין א מיטען וואך, ניט אין קיין יאריד, אדער מארקטאג, ווען עס פאהרען זיך צונויף פויערים פון ארומיגע דערפער, דערצו האט די בעסערע

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

קלאסע מיעשטשאנעס ניט גענומען קיין אנטהייל, און דער פאגראם האט פון זיך אליין זיך אפגעשטעלט, ניט מאכענדיג קיין גרויסען שאדען, ניט אין ממון, ניט אין דמים.

מיט דעם קליינעם פאגראמעל האבען די שלעכטע קריסטען זיך נאר צורייצט די אפעטיטען, „דאס איז ניט קיין פאגראם, האבען זיי, צווישען זיך גערעדט, עס איז א קינדער שפיעל, מען דארף אן אמת'ען פאגראם, ווי אונזערע פראוואסלאווני מענשען פון אנדערע שטעט מאכען, מיר זאלען זיך ניט דארפען שעהמען קעגען אונזערע ברידער פון יענע שטעט, מיר דארפען אמת'ע געווער, ריפטיגע וואפען, וועלען מיר קאנען בעסער טהון אונזער ארבייט" . . .

אין טאראשטשע אין אין אלע צייטען געווען אן ארסענאל פון וואפען, פאר די סאלדאטען, וואס זיינען דארט געשטאנען, און ווען די סאלדאטען זיינען אוועק אין דער מלחמה, איז אין ארסענאל נאך געבליבען וואפען, פאר מיליטער, וואס וועלען פילייכט קומען, אדער פאר זעלבסט פארטיידיגונג, און צוויי הונדערט היימישע קריס-טען האבען זיך אוועקגעלאזט צום ארסענאל נאך וואפען, עס האט געהייסען, אז די איינוואהנער דארפען וואפען קענען די פארשידענע באנדעס, וואס דרעהען זיך ארום אין דער געגענד, און וועלען מסתמא זיך אריינכאפען אויך קיין טאראשטשע. ווען די אידישע יונגע לייט און עלטערע האבען געזעהן, אז די קריסטען געהען צום ארסענאל נאך וואפען, זיינען זיי אויך מיטגעגאנגען.

„אויב זיך פארטיידיגען קעגען באנדעס", האבען זיי געזאגט, „דארפען מיר זיך אויך באוואפענען, ווייל, אויב באנדיטען וועלען אהער קומען, וועלען זיי אונז צום ערשטען אנגרייפען, און מיר דארפען געווער, זיך פארטיידיגען".

די קריסטען זיינען געווען ניט איבריג צופרידען, וואס אידען באוואפענען זיך אויך, עס האט זיי אבער ניט געפאסט זיך דאגעגען שטעלען.

„זאלען די זשידעס נעמען געווער", האבען זיי געטראכט, „מיר וועלען שפעטער צונעהמען פון זיי די געווער, צוזאמען מיט זייער פארמעגען".

די אידען, וואס האבען זיך באוואפענט, האבען געהאט זייערע חשבונות: „אונזערע שכנים באוואפענען זיך כלומרשט קעגען פרעמדע באנדעס, האבען זיי גע-טראכט, מיר פארשטעהען, אז פריהער פון אלעס וועלען זיי די וואפען אויף אונז אויס-נוצען, זיי נארען אבער זיך אפ, ווען זיי רעכענען, אז מיר וועלען זיין פאר זיי א לייכטער נום צו קנאקען, מיר זיינען ניט מעהר די אמאהליגע אידען, מיר וועלען זיך ניט לאזען, ווי די שאף אויסקוילען, נאר טייער וועלען מיר אונזער לעבען פארקויפען, קעגען היימישע רוצחים וועלען מיר קאנען אונזער שטעטעל באשטעהן".

עס האט ניט לאנג גענומען, און טאראשטשער קריסטען, האבען אויסגענוצט די וואפען אויף זייערע שכנים, די אידען. „די זשידעס ערווארטען ניט קיין איבערפאל פון אונז", האבען טאראשטשער אנטיסעמיטען געטראכט, מיר וועלען זיי איבער-ראשען, חוץ דעם איז זייער צאהל קעגען אונזערע פריוואסלאווני, „א גארניט, מיט א נישט", מיר וועלען זיי צורייבען, נאך איידער זיי וועלען זיך אומקוקען".

און דא איז געשעהן דאס זעלבע, וואס עס ווערט דערצעהלט פונ'ם פאבעל שרייבער, קרילאוו: עס דערצעהלט זיך פאלגענדעס: א וואלף איז אריין אין א שטאל, וואו ער האט געדענקט, אז עס געפינען זיך דארט שאף (אוטשארניא), אומגליקליך ווייזע, פאר'ן וואלף, איז ער פארבלאנדזשעט געווארען אין דער שטאל, וואו עס האבען זיך געפונען די הינט (פסארני), די וועלף זיינען איהם באפאלען פון אלע זייטען.

די היסטאריע פון טאראשטשע

זעהענדיג, אז ער איז אריינגעפאלען, האט דער וואלף אנגעהויבען זיך חנפ'ענען צו די הינט, זיך לאשטשען צו זיי, אז „הינט און וועלף זיינען פון דער זעלבער פאראדע (משפחה), אז געקומען איז ער, שליסען מיט זיינע ברידער־הינט, אן אייביגען פרידען, פון היינט און ווייטער זאלען הינט און וועלף לעבען אין שלום" . . .

דאס זעלבע איז יעצט פארגעקומען אין טאראשטשע : די אנטיסעמיטען האבען געדענקט, אז פונ'ם געוועזר איז שוין ביי די אידען קיין סימן ניטא, זיי האבען דאס טבתמא פארקויפט פאר א קלייניגקייט, אדער עס זשאזווערט (ראסטעט) ערגעץ, אידען וועלען אזועקגעבען דאס לעצטע, אבי זיך ראטעווען, זיי האבען זיך אבער גענארט אין חשבון : די באפאלענע אידען האבען קיין רחמנות ניט געבעטען, האבען קיין געלט ניט געשטעקט, האבען זיך שנעל באוואפענט און מוטהיג זיך געשטעלט אקעגען. „אויב שטארבען", האבען זיי געזאגט, „וועלען מיר שטארבען ניט ווי פחדנים, נאר ווי העלדען, מיר וועלען אונזער לעבען טייער פארקויפען. . .

לגבי די אנפאלער, די אנטיסעמיטען, זיינען אידען געווען ווייניג אין צאהל, אבער שטארק אין מוטה, אונערשראקען, מיט אומבעשרייבליך קוראזש, האבען זיי זיך געשטעלט אקעגען. איינער א יונגער בחור, איבער אכטצעהן יאהר אלט, א זעלטענער גבור, וואס האט ניט געוואוסט פון מורא און שרעק, ער האט איבערגענומען די קאמאנדע, דער נאמען פון דעם יונגען גבור איז געווען : יוסף געווערצמאן, מיט זעלטענעם קוראזש, איז יוסף געקראכען אין גרעסטען געפאר, און די אנדערע אידען מיט איהם צוזאמען. ניט קוקענדיק אויף זיינע וואונדען, ניט קוקענדיג אויף דעם בלוט, וואס האט זיך פון איהם געגאסען, האט ער ניט אויפגעהערט אויפמונטערען זיינע אנדערע חברים :

„קלאפט, ברידער !", האט ער קאמאנדעוועט, „שטעכט ! האקט ! בראקט ! פארקויפט טייער אייער לעבען ! ווייזט זיי, אז אידען קאנען שטארבען ווי העלדען אין קאמפף ! !" . . .

דער אכטצעהן יאהריגער העלד, יוסף געווערצמאן, איז, ליידער, געפאלען טויט אינ'ם ניט גלייכען קאמפף, ווערענד ערשעפט פון די וואונדען און בלוט פארלוסט.

דער טויט פונ'ם יונגען קאמאנדיר האט ניט ענטמוטהיגט די אידישע קריגער, נאר ערוועקט אין זיי א נייעם מוטה, און א שטארקען כח צו קעמפפען, ביז צום לעצטען מאן פון דער קאמאנדע.

„ראכע פאר אונזער קאמאנדיר!", האבען אלע אויסגעשריען, „נקמה פאר אונזער יוסלען !" און מיט פרישער מוטה, מיט נייע קרעפטען, האט זיך די קליינע מחנה אריינגעווארפען אין ניט גלייכען קאמפף, זייער דרוק איז געווען אזוי שטארק, אזוי העלדיש, אז די גרויסע צאהל איבערפאלער, האט זיך א ציה געטהון צוריק און געבעטען שלום !

„צו וואס זאלען מיר, אלטע שכנים, מיט וועלכע מיר זיינען צוזאמען געוואקסען, פיהרען צווישען זיך מלחמה, זאלען מיר בעסער שוינען אונזערע קרעפטען, אויף דער צייט, ווען פרעמדע באנדעס וועלען אונז פיליכט איבערפאלען, וועלען מיר קאנען די באנדעס פארטרייבען. לאמיר לעבען בשלום, ווי אלטע שכנים, און ניט זוכען אייגע די צווייטע פארטיליגען".

די אידען האבען געוואוסט, אז דער שלום, וואס די אנטיסעמיטען באטען זיי אן, איז ניט קיין אמת'ער, ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועלען זיי ווידער באפאלען

זייערע אידישע שכנים, זיי האבען אבער דעם שלום אנגענומען, באשלאסען צו זיין זעהר פארזיכטיג, היטען זייערע פאלשע שכנים, אויף טריט און שריט.

„אונזערע פאלשע שכנים ווייסען שוין, אז מיר זיינען ניט מעהר די אמאהליגע „רוסישע זשידקעס”, האבען די אידען גערעדט צווישען זיך, „זיי האבען אויסגעפונען, אז מיר קאנען אונזער שטעטעל באשטעהן, און וועלען זיך ניט לאזען „שפייען אין דער קאשע”. אינ׳ם טויט פון אונזער יוסלען, האבען מיר געהאט א גרויסען פארלוסט, ער איז אבער געשטארבען מיט א העלדישען טויט, און אונזערע אנטיסעמיטישע שכנים וועלען עס אויך געדענקען. עהרע זיין אנדענקען! ” . . .

קאפיטעל 11.

א משל מיט פלעדערמייז.

אין טאראשטשע האבען אנגעהויבען אריינקומען פארשידענע ארמייען, אטריאדען, באנדעס, איינע אוועק, די אנדערע אריין, די אלע האבען געפיהרט צווישען זיך מלחמות, געזוכט איינע די צווייטע צו פארניכטען, יעדע פון זיי האט געהאט אן אנדער פלאן, אן אנדער ריכטונג: ווער עס איז געווען פאר׳ן צאריסטישען רעזשים, ווער פאר׳ן סאציאליסטישען, אדער קאמוניסטישען, ווער פאר׳ן אפרייסען אוקראינע און גרינדען א באזונדער אוקראינישע מלוכה, אדער רעפובליק. דייטשלאנד האט געוואלט צונעהמען די פעטע אוקראינע פאר דער דייטשער מלוכה, און אזוי האבען די אלע חיילות, די אלע צדדים געקעמפט, צווישען זיך, פאר זייערע פלענער, פאר זייערע רעגירונגען, אידען האבען געליטען פון יעדען צד באזונדער און פון אלע צוזאמען. וואס פאר א פלענער יעדער צד האט געהאט, אן און פאר זיך, אויף איין פלאן האבען זיך אלע געאייניגט, אז אידען דארף מען אויסראטען, אידיש האב און גוטס מעג מען און מען דארף אויסרויבען, פארניכטען, נאר מעהר פון אלעם האבען טאראשטשער אידען, פון גאנץ אוקראינע, געליטען פון די היימישע באנדעס, וואס האבען זיך געגרינדעט פונ׳ם אפפאל פון שטאט און דארף, פון די נידריגע שיכטען פון דער באפעלקערונג, דיזע באנדעס האבען ניט געהאט קיינע פראגראמען, קיינע לאזונגען, דער איינציגער פראגראם זייערער איז געווען: רויבען, מארדען, שענדען, פייניגען די אידישע באפעלקערונג, זיי זיינען צוגעשטאנען צו יעדער פארטיי, צו יעדען צד, וואס איז אריין אין שטאט, זיי זיינען געווען, ווי די פלעדער מייז אין דער פאבעל (משל).

עס דערצעהלט זיך פאלגענדע פאבעל (משל): פויגלען און פלעדער מייז האבען געפיהרט צווישען זיך מלחמה, פלעדער מייז, וואס זיינען א געמיש פון ביידע, זיינען געשטאנען פון וויטען און האבען צוגעקוקט צו דער מלחמה, נאר ווען זיי האבען געזעהן, אז א צד זיגט, זיינען זיי צוגעשטאנען צו די זיגער, אז זיי זיינען אויך פון דעם זעלבען מין, טאראשטשער אנטיסעמיטען זיינען אויך צוגעשטאנען צו יעדער פארטיי, צו יעדען אטריאד, וואס איז אריין אין שטאט, און פארטריבען די אנדערע פארטיי, אדער אטריאד, זיינען זיי צוגעשטאנען צו די ערשט אריינגעקומענע, האבען אנגערעדט אויף די אידען פון שטאט אז זיי זיינען שונאים פון זייער צד, זיינען פריינד פון צווייטען צד, האבען אזוי פאר׳סמ׳ט אלעמען מיט מסירות אויף אידען, אז עס איז אויסגעקומען, אז דער איד איז יעדענס שונא, און יעדער דארף זיין דעם אידענס שונא, ביי די צושטענדען, וואס האבען געהערשט אין יענער צייט אין טאראשטשע, איז ווירקליך

א וואונדער, וואס די הרוגים אין שטאט האבען זיך ניט געצעהלט אין די טויזענטער, וואס עס איז נאך בכלל געבליבען לעבעדיגע אידען אין שטאדט. לעזענדיג די היסטארי, וועלען די לעזער זעהן, אז כמעט נאר מיט נסים האבען טאראשטשער אידען זיך פון טויט געראטעוועט, אז צו יעדער צייט, ווען א באנדע האט אונזער שטאט באפאלען, און יעדער טאראשטשער איד האט גערעכענט, אז עס קומט שוין זיין ענדע, צוזאמען מיט דער ענדע פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג, איז עפעס געשעהען א נס, און טאראשטשער יחידים, ווי דער רבים, האבען זיך געראטעוועט, און פראפארציאנאל צו אנדערע שטעט און שטעטלאך, האט נאך טאראשטשע אפגעשניטען מיט חסד...

נאטירליך, ניט אלע טאראשטשער קריסטען זיינען געווען רויבער, באנדיטען, מוסרים, ווי די פלעדער מייז אין דער פאבעל, עס זיינען געווען אלערליי, גוטע, שלעכטע מיטעל מעסיגע, ניט איבריג גוט, ניט איבריג שלעכט, ווי די מענשהייט בכלל, אין יעדען געגענד, אין דער גאנצער וועלט: עס זיינען געווען אין טאראשטשע אזעלכע, וואס ווען אידען זיינען געקומען צו זיי, בעטען שוץ, באהעלטעניש, האבען זיי די אידען אריין געלאזט בלויז דאן, ווען זיי האבען דערפאר געקראגען באצאהלט, אדער האבען געוואוסט פאזיטיוו, אז זיי וועלען שפעטער קריגען, אזעלכע קריסטען, אבוואהל זיי האבען געהאנדעלט ווי סוחרים, האבען זיי דאך אסך אידען געראטעוועט, און זיי האבען פארדינט די דאנקבארקייט פון גאנצען אידישען פאלק, באזונדערס, ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט אן אנדער קאטעגארי, וועלכע זיינען ליידער געווען אין שטאט, אדער אנדערע שטעט, וואס האבען קיין אידען אויף זייער שוועל ניט אריינגעלאזט, האבען אנגערייצט אויף זיי די הינט, האבען מיט זידלעריי, אמאהל אויך מיט קלעפ, די אומגליקליכע פארטריבען.

עס זיינען אבער געווען אזעלכע קריסטען, וואס האבען געגעבען צו אידען א מקום מקלט, שוץ, ניט זוכענדיג דערפאר באצאהלונג, מתנות, זיי האבען עס געטהון אויס רייגער מענשליכקייט, וואס האט זיי דיקטירט אזוי צו האנדלען. אין די וויטערע קאפיטלען וועלען מיר נאך רעדען פון אזעלכע נאבעלע קריסטען, ווער ווייסט, וויפיעל אידען עס וואלטען אין גאנצען פארבליבען אין אונזער שטעטעל, ווען ניט יענע נאבעלע קריסטען, פאר וועמעס עהרע און אנדענקען מיר בויגען אונזערע קעפ, מיט טיעפע דאנקבארקייט און ליבע.

קאפיטעל 12.

גאנטע און זיין באנדע.

עס איז געווען אין יאהר 1918, ווען אין אונזער שטאדט טאראשטשע איז אנגעקומען א באנדע, וועמעס הויפט איז געווען א פערזאן, וועלכער האט בלויז מיט'ן נאמען זיינעם אנגעווארפען א טויט שרעק אויף יעדען אידען, וואס האט דעם נאמען געהערט. דאס איז געווען דער טרויעריג באוואוסטער נאמען — „גאנטע", וועלכער האט איבערגעלאזט נאך זיך א זכר לקללה ביים גאנצען אוקראינער אידענטום, נאך פון דער צייט פון 1768, ד. ה. מיט 168 יאהר צוריק, ווען דער באנדיט גאנטע איז מיט זיינע באנדעס ארוים אויף דער ארענא פון אוקראינער אידענטום, אויסגע'הרג'עט א סך צעהנדליגע טויזענטער אידען, בלויז אין די שטעט און דערפער פון קיעווער

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

גובערניע. די גרעסטע שחיטה האט גאנטע מיט זיינע באנדעס געמאכט אין דער שטאט אומאן, וואו זיי האבן אויסגע'הרג'עט אכט טויזענט אידען. דאס איז געווען צוואנציג טעג אין חודש סיון.

ניט יעדער איז באקאנט מיט די איבערלעבונגען פון די אידען אין אוקראינע, אין די לעצטע פאר הונדערט יאהר. ניט יעדער אוקראינער איד ווייסט פון די אמאליגע שחיטות אויף אידען, אין יענעם בלוטיגען טייל רוסלאנד, וואס האט זיך אמאהל גערופען קליין־רוסלאנד — „מאלאראסיע", אבער פון גאנטע'ן האט, גלויב איך, יעדער געהערט, ספעציאל די אידען פון עלטערען דור. מיט'ן נאמען „גאנטע" פלעגען אונזערע באבעס פארוויגען זייערע אייניקלאך און אור־אור אייניקלאך, אדער אנשרעקען די קליינע : „אט געהט גאנטע". מיט די שחיטות פון גאנטע'ן פלעגען אלטע אידען, זיצענדיג אין די ווינטער נעכט ביי דיווארימע הרובעס, אין די בתי מדרשים און קלויזען, דערצעהלען פון די שרעקליכע מעשים, שוידערליכע מיתות משונות, וואס גאנטע מיט זיינע הײדאמאקעס האבען אנגעטהון די אידען פון אוקראינישע שטעדט און דערפער, און אנפאנגען פלעגען די דערצעהלער מיט'ן אלטען סקארבאווען „ויהי", — עס איז געווען, בימי רוצח גאנטע, ימח שמו. שוידערליכע מעשיות פלעגען די אלטע דערצעהלען, פאסירונגען וואס האבען געגליווערט דאס בלוט פון די צוהערער.

מיר ווייסען ניט, צו דער גאנטע, וואס איז געקומען קיין טאראשטשע, האט ווירקליך געהייסען גאנטע, אדער ער האט דעם נאמען אדאפטירט, ווייל ער איז איהם שטארק געפעלען געווארען, פונקט ווי מאנכע אוממענשען אדאפטירען יעצט דעם נאמען היטלער, באמיהען זיך נאכטהון יענעמס מעשים. אין יעדען פאל איז דער גאנטע פון 1918, מיט זיינע אכזריות ניט אפגעשטאנען פונ'ם גאנטע פון יאהר 1768. זיין נאמען האט זיך געהערט ווייט און ברייט איבער גאנץ אוקראינע, און ווע איז געווען דער שטאדט אדער שטעדטעל, וואו די באנדע איז אנגעקומען. צום גליק האט ער און זיינע באנדיטען געהאט אין אונזער שטאדט אזא מפלה, אז זיי האבען שוין פארשפארט געהן ערגעץ אנדערש, ווי די לעזער וועלען ווייטער לעזען.

טאראשטשער אנטיסעמיטען, וואס האבען ניט דורכגעלאזט קיין געלעגענהייט צו שעדיגען, צו פראוואצירען זייערע אידישע שכנים, האבען זיך צוגעשארט צו גאנטע'ן, און דערצעהלט, אז די אידען זיינען קריסטליכע שונאים, ווילען פארקויפען רוסלאנד צו דייטשען. אין שטאדט איז דא א טשוגונא ליטייני זאוואד (שטאל און אייזען פאבריק), וואו עס ארבייטען יונגע אידישע און קריסטליכע סאציאליסטען און קאמוניסטען, אויך איז דא אין שטאדט א זשידאווקע, א געלערענטע אקושערקע, מיט'ן זשידאווסקי נאמען חנה לאנדע, וואס איז א סאציאליסטקע און א קאמוניסטקע, בונטעוועט די יונגע לייט, רעדט קעגען אונזער הייליגער פראוואסלאוונער רעליגיע, און נאך אזעלכע מסירות און העצעס האבען די אנטיסעמיטען אנדערצעהלט, וועלכע האבען אינ'ם באנדיט געפונען אויפמערקזאמע אויערען, וואס האבען די מסירות צוגעהערט.

עס איז שוין געווען שפעט אין טאג, ווען די באנדע איז אנגעקומען. די באנדיטען זיינען געווען מיד פון וועג, און גאנטע האט זיי געהייסען זיך גוט אויסרוהען, ווייל „מארגען וועלען די זשידעס זיי געבען אסך ארבייט" : זיי זיינען דא אסך. דערווייל האט ער געגעבען א באפעהל צו זיינע לייט, צו ארעסטירען די ארבייטער פון דער שטאל פאבריק, און אויך די זשידאווקע לאנדע, זיי פארשפארען אין דער שטאדטישער טורמע, מארגען פריה וועט מען שוין די בונטאווששיקעס געבען זייער פארדינטע נאקאזאניע (שטראף), דער באפעהל איז גלייך אויסגעפיהרט געווארען.

די היסטאריע פון טאראשטשע

טאראשטשע איז דאמאלס געווען אן אויעזדני גאראד (קאונטי סיטי), געצעהלט א פופצעהן, זעכצעהן טויזענט איינוואהנער, פון וועלכע אידען האבען זיך געצעהלט זעקס טויזענט. קיין גרויסע קאמערציעלע שטאדט איז טאראשטשע ניט געווען, ניט געהאט ארום זיך קיין פאבריקען, זאוואדען, קיין גרויסען טייך, אפילו פון א באהן סטאנציע איז זי אויך געווען וויט, א שטיל, רוהיג שטעדטעל, ווי טויזענט און איין אנדערע שטעדטלאך פון דער זעלבער קאטאגאריע, איז געווען ארומגערינגעלט מיט געדיכטע וועלדער, פעטע פעלדער, גערטנער און סעדער, גרויסע און קליינע דערפער, א פאר סוחרים האבען זיך אויסגערעכענט אז טאראשטשע איז א פאסענד געגענד פאר אן אייזען און שטאל פאבריק, אויסצואַרבייטען דארט אלער האנט פארמער געצייג, און אזא פאבריק, ווי מען האט עס גערופען, טשוגונאר ליטייני זאוואד, האט מען אויסגעבויט אין טאראשטשע. צו אזא שטאל און אייזען פאבריק האט זיך שוין גע־פאדערט אן עלעקטרישע פאבריק, אויסצואַרבייטען די פארמער געצייג, און פאר דער וועלט מלחמה האבען זיך געגרינדעט אין טאראשטשע צוויי פאבריקען: איין שטאל פאבריק און איין עלעקטרישע.

צו דיביידע פאבריקען האט מען אראפגעבראכט פון גרויסע שטעדט שטאל און עלעקטרישע ארבייטער, וועלכע זיינען געווען גאר ניט עהנליך צו די פראסטע אומגע־בילדעטע ארבייטער פון שטעדטעל. די נייע ארבייטער זיינען געווען, מעהר אדער ווייניגער, גראמאטנע, געקאנט לעזען, שרייבען, ניט געווען אזוי אנטיסעמיטיש, ווי דער רוב טאראשטשער מיעשטשאנעס, האבען זיך געפריינדעלט מיט אידישע אינטע־ליגענטען און אידען, יונגע ארבייטער פון שטאדט, וועלכעס האט גאר ניט געשמעקט דער פאליציי און טשינאווניקעס, וואס האבען געקוקט מיט פארדרוס און פיינדשאפט אויף די יונגע קריסטען, וואס זיינען ניט קיין אנטיסעמיטען, פריינדלען זיך מיט אידען, באזונדערס האט די פאליציי און טשינאווניקעס פארדראסען, ווען די נייע ארבייטער האבען זיך אנגעהויבען פריינדלען מיט דער אקושעריון חנה לאנדע, וועלכע איז געווען פאר די ארבייטער א לערערין, וועגווייזערין, שוועסטער און מוטער. די פאליציי וואלט שוין לאנג די פרוי לאנדע ארעסטירט, זי איז אבער געווען זייער רעספעקטירט און באליעבט ביי דער גאנצער מאלאדיאזש (יונגוואַרג) פון שטאדט, די פאליציי האט מורא געהאט זי ארעסטירען, די יונגוואַרג זאל זיך ניט צובונטעווען, זיי האבען געווארט אויף א געלעגענהייט. זיי זיינען געווען זעהר צופרידען, ווען גאנטע האט באפוילען די ארבייטער פון פאבריק, צוזאמען מיט דער פארהאסטער פרוי לאנדע ארעסטירען, און ווי זיי האבען געגלויבט, וועלען שוין די קראמאלניקעס (כופרים) לעבעדיגע פון טורמע ניט ארויס, און דא איז געשעהן אן אונערווארטעטער נס:

עס איז שוין געווען פארנאכט, די עלעקטריע האט שוין באלויכטען דאס שטעד־טעל, די באנדיטען האבען זיך צושפרייט אין אלע זייטען, ווער עס איז אוועק אויף געיעג, נאך ווייןאון ווייב, ווער עס האט זיך אויסגעצויגען צום אפרוה, קלייבען פרישע כחות צו דער מארגענדיגער ארבייט פון רויב און מארד, און ווער עס האט זיך אזוי ארומגעשלעפט אין שטעדטעל און וואס'ר אידען זיי האבען באגעגענט, האבען זיי גענעבען צו פארזוכען זייערע ידים. דאס געוועהר האבען זיי מיט זיך ניט מיטגענומען. וואס דארפען זיי יעצט געוועהר, און פאר וועמען האבען זיי מורא? פלוצים האט די עלעקטריע זיך אויסגעלאשען, ס'איז געווען א פינסטערע סוף חודש נאכט, די באנדע איז געווען פרעמד אין שטאדט, אין די גאסען און געסלאך. און דא האבען אנגעהויבען האגלען אויף זיי קוילען פון רעוואלווערען, פון אלע זייטען, פון פארשידענע ווינקלען.

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

די באנדע איז געווארען צומישט, זיי האבען געמיינט אז באלשעוויקעס אדער אן אנדער געגנערשע באנדע איז פלוצים אנגעקומען. זיי האבען ניט געוואוסט, וואו צו לויפען, וואו צו זוכען שוץ. גאנטע איז געלאפען איבער'ן גאס, שרייענדיג, רופענדיג זיינע באנדיטען זיך ארומצוקלייבען ארום איהם. זיין געשריי האט צוגעצויגען צו זיך די איבערפאלער, וועלכע האבען געשאסען אין דער ריכטונג פון באנדיט'ס קול, און ער איז געפאלען טויט. די באנדע איז ווי צומישטע געקאפען, באגלייטעט פון רעוואל-ווער שאסען, זיי האבען אפילו מורא געהאט זיך אומצוקוקען.

מען ווייסט ניט וואס איז געווען די אורזאכע פונ'ם פלוצימדיגען אויסלעשען די עלעקטריע, צי עס איז געווען א צופאל, אדער די ארבייטער פון עלעקטרישען זאוואד, זייענדיג בייז, וואס מען האט ארעסטירט זייערע חברים, די ארבייטער פון דער אייזען פאבריק, האבען זיי גענומען נקמה פון גאנטע'ן און זיין באנדע, אין יעדען פאל איז דאס פלוצימדיגע פינסטערניש געווען א גרויסע מפלה פאר דער באנדע, און א רעטונג פאר זיי אידען.

ווען די עלעקטריע איז געווען צורעכט געמאכט, און די שטאדט איז פארטאג ווידער באלויכטען געווארען, האט מען דערזעהן דעם חורבן, וואס די פאר שטונדען פינסטערניש האבען אנגעמאכט. חוץ דעם טויט פון גאנטע'ן, זיינען נאך געווען א היבשע צאהל געפאלענע באנדיטען, פארוואונדעטע, פארקריפעלטע, וועלכע די איבער-פאלער האבען שפעטער דערשאסען, און א קליינער צאהל איז געלונגען צו אנטלויפען און זיך רעטען.

ווער זיינען געווען די רעטער פון די אידען און די איבערפאלען פון דער באנדע? פרעגען געווים די לעזער. דאס זיינען געווען די פארטיזאנען פון שטאדט, אידען און קריסטען, ביטערע פיינד פון צארישען רעזשים, און אויך פון אויסלענדישע מעכטע.

און אזוי זיינע די אידען פון טאראשטשע געראטעט געווארען פונ'ם שרעקליכען גאנטע'ן און זיין באנדע, דורך א זעלטענעם נס, וועלכען זיי האבען אפילו אין חלום ניט געטרוימט, און קומענדען שבת האבען אלע אידען מיט פרעהליכע הערצער געבענשט גומל.

די פארטיזאני זיינען אוועק צו דער טורמע, וואו די ארבייטער פון זאוואד, צוזאמען מיט דער אקושארין לאנדע זיינען געווען פארשפארט, האבען זיי באפרייט, די פרוי האבען זיי אוועקגעפיהרט קיין קיעוו, וואו זיי האבען גערעכענט, אז זי וועט זיין זיכערער.

קאפיטעל 13.

צווישען צוויי פייערן.

אין טאראשטשע איז אנגעקומען א דייטשער פאלק, פון וועלכען די באפעלקע-רונג האט זעהר פיעל געליטען, באזונדערס האבען די אידען געליטען, דער פאלק האט אבער אויך ניט וויניג געליטען פון פארטיזאני פון שטאדט, וועלכע האבען אנגעפיהרט א גארילע קריעג קעגען זייערע שונאים. ניט קוקענדיג זיך שטעלען אין אפענעם קאמפף קעגען א גרויסער צאהל שונאים, פלעגען די פארטיזאני איבערפאלען די דייטשען, אדער אנדערע שונאים, אונערוואר טעט, דארט ווי מען האט צום ווינציגסטען

זיך גערעכט אויף זיי, אנגעטהון דעם גרעסטען שאדען, וואס נאר זיי האבען געקאנט, און פארשוואונדען אזוי פלוצים, ווי זיי האבען זיך באוויזען.

עס איז געווען ענדע אפריל, 1918, דער דייטשער פאלק איז שוין געשטאנען אין שטאדט א פאר וואכען, ווי געזאגט, האבען די אידען זעהר געליטען פונ׳ם פאלק: זיי פלעגען כאפען אידען אין די גאסען, און זיי געצוואונגען, צו טהון די שווערסטע און שמוציגסטע ארבייט, קיין געצאהלט פאר דער ארבייט האט מען די אידען ניט געגעבען, דערפאר האבען זיי אבער ניט געקארגט צו די אידישע ארבייטער קיין שמיץ, קיין קלעפ פאר יעדער קלייניגקייט, וואס עס האט זיך זיי געדאכט, אז אידען טוהען ניט ריכטיג, אידען האבען זיך אנגעהויבען אויסבאהאלטען, וואו נאר זיי האבען געקאנט, מורא האבענדיג זיך צו ווייזען אויף די גאסען, מען זאל זיי ניט אוועקשלייפען אויף דייטשער ארבייט.

א געוויסען טאג, קומט אין אופראווע (סיטי האל), א דייטשער קוריער, און אין נאמען פון דייטשען קאמאנדאנט, ווענדעט ער זיך צום אידישען טשליען (סטאראסטע), אלשאנסקי, ער זאל מארגען פריה שיקען הונדערט און פופציג אידען אויף ארבייט, מען דארף ציהען טעלעפאן דראטען פון טאראשטשע קיין קאשאוועטא, (א שטעדטעל, צוואנציג וויארסט פון טאראשטשע).

גלייך ווי דער דייטשער קוריער איז ארויס פון אופראווע, זיינען אריינגעקומען עטליכע פארטיזאנער, און געגעבען אלשאנסקי׳ן א התראה, אז אויב ער וועט שיקען אידען אויף דייטשער ארבייט, וועלען די פארטיזאנער שיסען אויף די ארבייטער.

עס איז געווארען א פראגע פאר דעם אידישען סטאראסטע, וואס צו טהון? שיקען אידען אויף ארבייט, וועלען די פארטיזאנער שיסען אויף זיי, ניט שיקען, וועלען די דייטשען איהם זעלבסט שיסען. ער האט אבער באשלאסען קיין אידישע ארבייטער נים שיקען, אפשר וועט געשעהען א נס: עס פלעגען אין יענע ביטערע צייטען אפט געשעהן נסים, אונערווארטעטע פאסירונגען, וואס פלעגען אין גאנצען ענדערען די סיטואציעס, דורך וועלכע יחידים, אדער זאגאר גאנצע שטעדט פלעגען אונערווארטעט גערעטעט ווערען. דער גלויבען אין נסים (מיראקעלס) איז שטארק געוואקסען ביי דער באפעלקערונג, מען האט געהאפט אויפ׳ן „אפשר", פיליכט, דער רוסישער — „אוואס" (דאס זעלבע וואס — אפשר), האט זיך שטארק געלאזט הערען, אפילו צווישען די גאר פרייע. אלשאנסקי, וועלכער איז בדיעבד געווען א גאנץ קליינער מאמין אין נסים, האט אויך געהאפט אויף א נס, און האט קיין אידישע ארבייטער נים געשיקט.

אויף מארגען פריה, זיינען צו דער אופראווע צוגעפאהרען דריי דייטשע קוריערען, אויף פערד, ארעסטירט אלשאנסקי און נאך צוויי קריסטליכע טשליענעס, (אלדערמאנס), וואס זיינען געווען אין אופראווע, און אוועקגעפיהרט צום קאמענדאנט. אויפ׳ן וועג הערט אלשאנסקי, וועלכער האט געקאנט דייטש, ווי די קוריערען רעדען צווישען זיך, אז דעם קוריער, וואס איז נעכטען געווען אין אופראווע נאך ארבייטער, האט דער קאמענדאנט אוועקגעשיקט מיט פאפירען אין דייטשען שטאב (סטעף), און האט געהייסען דעם פאלק, זיין גרייט צו עוואקוארען (אוועקגעהן).

דער קאמענדאנט האט באגעגענט די דריי טשליענעס, מיט דייטשע שימפעריען, זידלעריי, ווארום מן האט איהם ניט צוגעשיקט קיין ארבייטער, ווי ער האט געפאדערט? ער וועט די דריי טשליענעס איבערגעבען צום קריעגס געריכט.

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

די קריסטליכע משליענעס, וואס האבען ניט פארשטאנען קיין דייטש, האבען ניט געוואוסט, איבער וואס דער ניעמיעצקי קאמענדאנט גאריאטשיט זיך (דער דייטשער קאמענדאנט קאכט זיך), אלשאנסקי, וואס האט געהערט די קוריערן רעדען צווישען זיך, אז דעם נעכטיגען קוריער האט דער קאמענדאנט אוועקגעשיקט אין שטאב פון פאלק, און דעם פאלק האט ער געהייסען זיך גרייטען צום אוועקגעהן, האט געענטפערט דעם קאמענדאנט, אז ער האט נעכטען געזאגט דעם קוריער, וואס האט געפאדערט הונדערט פופציג ארבייטער, ער זאל זיך ווענדען מיט זיין פאדערונג אין דער פאליציי, די אופראווע האט ניט קיין רעכט, שיקען לייטע אויף ארבייט, דאס איז די אויפגאבע פון דער פאליציי, זאל דער הער קאמענדאנט פרעגען דעם קוריער, צו מען האט איהם ניט געהייסען, מיט זיין פאדערונג זיך ווענדען צו דער פאליציי ?

אזוי ווי דער קוריער איז ניט געווען, ער זאל עס אפלייקענען, איז דער תירוץ אפגעגאנגען גלאט, דער קאמענדאנט האט שוין אייגענטליך ניט געדארפט קיין ארבייטער, עס האט איהם אבער פארדראסען, ווארום מען האט ניט אויסגעפיהרט זיין באפעהל . . .

אויף מארגען איז דער פאלק אוועק, אין שטאט איז מען געווען זיכער, אז די פארטיזאנער האבען מיט זייער גארילא קריעג, פארטריבען די דייטשען.

קאפיטעל 14.

אטאמאן יערמאק מיט זיין באנדע

דאס איז געווען אין א געוויסען שבת, גאנץ פריה, דערציילט אין א בריף אונזער לאנדסמאן, אלשאנסקי, א קלאפ אין פענסטער פון זיין וואהנונג האט איהם אויפגעוועקט פון שלאף. ארויסקוקענדיג פון פענסטער, האט ער דערזעהן צוויי אומבאקאנטע באוואפענטע לייטע, וועלכע האבען איהם שטרענג אויפגעפאדערט, זאפארט געהן מיט זיי אין דער פאליציי, וואו עס ווארט זייער אטאמאן יערמאק.

דערהערענדיג דעם נאמען, איז אלשאנסקי'ן פינסטער געווארען אין די אויגען. דער נאמען יערמאק, האט זיך מיט זיינע שרעקליכע מעשים בנוגע אידען, געלאזט הערען איבער גאנץ אוקראניע. דער זעלבער יערמאק, האט אין שטעטעל טעטיעוו, טאראשטשער אויעזד, צוזאמען געטריבען אלע אידען פון שטעטעל אין שוהל, וואו מען האט זיי פארשפארט, די שוהל אונטערגעצונדען און אלע אידען אכט הונדערט דריי און אכציג (883) אין צאהל, זיינען לעבעדיג פארברענט געווארען.

מען קאן זיך פארשטעלען, ווי עס האט געפיהלט דער ארעמער אלשאנסקי, דערהערענדיג דעם נאמען פון דעם שרעקליכען באנדיט. מען קאן זיך אבער ניט העלפען, די צוויי באוואפענטע באנדיטען לאזען איהם לאנג ניט טראכטען און באפוילען איהם שטרענג, די מינוט געהן מיט זיי.

מען האט איהם געבראכט אין דער פאליציי, וואו ער האט דערזעהן נאך גאר א יונגען קריסט, מיט א שרעקליך בייז געזיכט, דאס איז געווען דער אטאמאן יערמאק, וועלכער האט בלויז מיט זיין נאמען ארויפגעווארפען אן אימה אויף יעדען אידען, וואס האט דעם נאמען געהערט.

„זשיד", — האט דער אטאמאן א געשריי געטהאן — „ביז נאכט זאל מיר געשאפען ווערען פון דיינע פראקליאטי זשידעס (פארשאלטענע אידען) 2 הונדערט מיט

פופציג טויזענט רובעל, אויב צו דער צייט וועט דאָס געלט ניט זיין אין מיינע הענט, וועט פון דיינע זשידעס קיין סימן ניט בלייבען".

„ „פּאָמילואיטי" (האָט רחמנות), — האָט אָלשאַנסקי אָנגעהויבען זיך בעטען— „וואו וועלען די אידען נעמען אזוי פיעל געלט ? דאָס שטעטעל איז קליין, אָרעם און רואינירט פון צעהנדליגע פּעריכאַדען (איבערגאנגע), יעדער פעריעכאָד האָט פאַר-גרעסערט די צאָהל גע'הרג'עטע און פאַרוואונדעטע, פאַרמעהרט די אידישע אָרעמקייט און נויט. האָט רחמנות אויפ'ן אומגליקליכען שטעטעל".

„מאָלטשאַט" (שווייגען), פּראָקליאַטי זשיד, האָט דער באַנדיט ווילד אַ רעווע געטהון, נעהמט איהם, כלאָפּצי, (יונגען), אין יענער קאָמנאַטע (צימער) און שיט איהם אָריין אַ ביסעל בלאָי אין זשידאָווסקי לאָב" (אידישען שטערען).

די צוויי באַנדיטען האָבען איהם אַ שלעפּ געטהון מיט זיך.

אין דיזער מינוט איז אין פּאָליציי אָריינגעקומען אַ קריסטליכער מאַן, און זעהענדיג, ווי מען שלעפּט אָלשאַנסקי'ן אין צווייטען צימער, האָט ער אַ געשרעה געטהון : „סטוי כלאָפּצי" (שטעהט, יונגען). ער האָט אָנגעהויבען רעדען מיט יערמאקען, און אָבוואָהל אלשאנסקי האָט ניט געהערט, וואָס זיי האָבען גערעדט צווי-שען זיך, ער האָט אבער פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען זיין, אָלשאנסקי'ס לעבען. וויפיעל צייט דער געשפּרעך האָט אָנגעהאַלטען האָט אָלשאנסקי ניט געצעהלט. נאָר געשיינט האָט איהם, אַז עס נעהמט אַן אייביגקייט. ענדליך האָט יערמאַק באַ-פוילען, איהם אָפּצולאָזען און זיך ווענדענדיג צו אָלשאנסקי'ן האָט ער געזאָגט : „זאָג דיינע זשידעס, זיי זאלען אַלע קומען אין דער סינאַגאָג (שוהל), איך האָב זיי צו זאָגען, זעהר וויכטיגעס".

אָלשאנסקי איז אַוועק אַהיים. ווען זיין פרוי האָט איהם דערזעהן, האָט זי אויס-געבראָכען אין אַ געוויין : ווען ער איז אין דער פריה אַוועק צו יערמאַקען, איז זיין קאָפּ געווען אַ ביסעל גראָה, ווען ער איז געקומען צוריק, איז ער געווען אין גאַנצען גראָה, ווי אַ טויב.

קאַפּיטעל 15.

אלשאנסקי'ס רעטער און יערמאקס סוף.

ווער איז געווען אָלשאַנסקי'ס רעטער ? פרעגען געווים אלע לעזער, מיר וועלען עס דערצעהלען, עס איז געווען, ווי דאָס ווערטעל זאָגט : גאָט גיט די רפואה פאַר דער מכה.

דאָס איז געווען אַ געוועזענער אָפיציר פון דעניקינס אָרמייע, ניט וויינ‍יג אידיש בלוט האָט דער עקס אָפיציר פאַרגאָסען, ניט ווייניג אידישע לעבענס האָט ער געהאַט אויף זיין געוויסען, אויב ער האָט בכלל געהאַט אַ געוויסען. אַט דער עקס אָפיציר איז געוואָרען אין טאָראשטשע — נאטשאלניק סטראָזשי (הויפּט פון דער פאַרהיטונגס פּאָליציי), מען האָט דעם מערדער און רוצח געדונגען, אָפּהיטען די שטאָדט, פון אַנדערע רוצחים און רויבער.

אָלשאנסקי האָט געוואוסט דעם יחוס פונ'ם עקס אָפיציר, ער איז אָבער דאָך געווען מיט איהם כלומרשט אַ גוטער ברודער, האָט איהם אָפט איינגעלאַדען צו זיך אין הויז, אויף אַ גלאָז טהעי, אַ טרונק, אַ מיטאָג. געזעהן, מען זאָל איהם אויסצאָהלען אין צייט די זשאלאָוואַניע (שכירות), איהם געליהען אמאָהל אַ פּאָר רובעל און פאַר-

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

געסען זיי מאהנען, איז בכלל געווען מיט'ן עקס אפיציר א „טאוואַרישטש" (חבר), ווי זאגט דאס ווערטעל : אז מען דארף דעם גנב, נעהמט מען איהם אראפ פון תליה, און יעצט האט איהם דער באנדיטישער עקס אפיציר אפגעדאנקט, ניט ווי א באנדיט, נאר ווי אן אמת'ער „טאוואַרישטש", ווי זאגט דער פסוק : שלח לחמך על פני המים . .

ווען דער עקס אפיציר איז אריינגעקומען אין פאליציי, און געזעהן, אין וואס פאר א געפאהר זיין פריינד אלשאנסקי געפינט זיך, האט ער אנגעהויבען פארהאנדלען מיט יערמאקען, ער זאל אלשאנסקי'ן אפלאזען, ער האט איהם ערקלערט : אזוי ווי ער וויל ארויסקריגען פון די זשידעס געלט, וועט ער גרינגער קאנען דאס געלט ארויס־קריגען, ווען דער אידישער סטאראסטא וועט לעבען און זיין צווישען די אידען, אויך וואלכע ער האט אן איינפלוס, ער האט אויך געראטען דעם באנדיט, אז אנשטאט, וואס ער האט געהייסען די אידען קומען אין שוהל, זאלען זיי זיך בעסער צונויפקומען אין אופראוועֿ, וועט די אופראווע ערלויבען, צו נעהמען געלט פון דער שטאט קאסע, די רציחה ביים מערדער איז שוין אפגעגאנגען, און ער האט אלעס נאכגעגעבען.

עס איז פארופען געווארען א זאסיעדאניע (זיצונג) אין אופראווע, פון אידישע און קריסטליכע דעפוטאטען (אלדערמאנס), די קריסטליכע דעפוטאטען האבען ניט געוואלט באוויליגען קיין שטאטיש געלט, וואס באלאנגט צו אלע איינוואהנער, מען זאל עס אוועקגעבען בלויז פאר אידען, „זאלען די אידען זיך אליין צוזאמענלייגען דאס געלט", האבען זיי געזאגט, "ווייל עס איז זייער צרה, מיר וועלען אויך עפעס העלפען". דערווייל איז שוין געווארען שפעט, צו קיין שלום איז ניט געקומען, יערמאק האט ניט געהאט קיין צייט צו ווארטען, ווייל זיין מארשרוט איז געווען, מארגען פריה, זיין אין אן אנדער שטאדט, וואו ער האט ערווארטעט נאר א גרויסען רויב, און ער איז נאך די נאכט אוועק אין יענער שטאדט. ער האט נאר א פאר שטונדען געקאנט אפשפארען פאר טאראשטשע, פון זיין „טייערער צייט", און וואס זיין באנדע האט געקאנט אפטהון אי די פאר שטונדען, האט זי עס געטהון בשלמות : א ביסעל גערויבט, א ביסעל גע'ממית'ט, פארוואונדעט. בכלל האט טאראשטשע נאך גליקליך אפגעשניטען, יערמאק האט אפילו צוגעזאגט אין גיכען צוריקצוקומען אהער, ער האט שוין אבער ניט דערלעבט : ער איז אין א קורצער צייט ארום געפאלען אין שלאכט מיט אנדערע פארפלוכטע באנדיטען.

אזוי איז געווען מייסטענס דער סוף פון די באנדיטען : איינער דעם צווייטען האט פארניכטעט, זעלטען איז ווער פון זיי געשטארבען מיט א נאטירליכען טויט, עס איז אויף זיי מקוים געווארען דער מאמר פון הלל הזקן : „על דאטפת אטפוך, וסוף מטיפך יטופון". דיזען מאמר האט הלל געזאגט, ווען ער האט געזעהן א מענשליכע קאפ שווימען אין וואסער. דער טייטש פון די ווערטער איז : דערפאר, וואס דו האסט יענעם דערטרונקען, האט מען דיך דערטרונקען, און דער סוף פון דעם, וואס האט דיך דערטרונקען, וועט זיין, דאס מען וועט איהם אויך דערטרינקען . . .

קאפיטעל 16.

אזכרה נאך אמאהליגע קדושים.

עס איז געווען א שבת, דעם זעכצעהנטען טאג אין הודש סיון. אין טאראשטשער בתי תפילות האט מען אויסגערופען, אז מיטוואך, כ' סיון, וועט זיין א תענית, א טרויער טאג, נאך די הונדערטע טויזענטע אידען, וואס זיינען אויסגע'הרג'עט געווארען, פון

די היסטאריע פון טאראשטשע

באגדאן כמעלניצקין און זיינע באנדעס אין אוקראינע, פוילען, ליטא. די הרוגות זיינען באוואוסט אין דער אידישער געשיכטע, מיט דעם נאמען „גזירות ת״ח". אין דער יעצטיגער קלאגעדיגער צייט, ווען אידען האבען אזוי פיעל געליטען, פון דער מלחמה, פאגראמען, הונגער, צושטערונג, האט מען זיך דערמאנט אין די שחיטות פון קארגע דריי הונדערט יאהר צוריק, מען זאל קלאגען אויף אמאהליגע חורבנות און זוכען א טרייסט צו די יעצטיגע, מאכען אזכרה אויף די אלטע קדושים, און אויך קלאגען אויף די פרישע קרבנות, וואס זיינען אין די לעצטע פאר יאהר אויסגע׳הרג׳עט געווארען.

תשעה באב איז געווען דער שלוס פון דער טראגעדיע, מיט צוויי טויזענט יאהר צוריק, ווען די אידען האבען פארלארען זייער לאנד, ארץ ישראל, זייער מלוכה, זייער גרעסטע הייליגקייט — דעם בית המקדש. צום אנדענק פון יענעם חורבן איז פראקלאמירט געווארען דער תענית תשעה באב, וועלכער איז באקאנט צו די אידען אין דער גאנצער וועלט, וועגען כ׳ סיון ווייסען ניט אלע, איך וועל אין קורצען ערקלערען דיזען תענית, פיל״יכט געפינען זיך צווישען די לעזער מאנכע, וואס ווייסען ניט פון דיזען תענית, עס מיינט ניט, אז זיי דארפען, חלילה, פאסטען און זאגען קינות. זיי וועלען קאנען זיין גאנץ פיינע מענשען און אידען, אויב זיי וועלען עס ניט טהון, אבער די היסטארי פון ת״ח, וועט ניט שאדען, אז זיי וועלען וויסען . . .

כ׳ סיון — איז א תענית, צום אנדענק פון די שחיטות, וואס באגדאן כמעלניצקי און זיינע באנדעס האבען פאראורזאכט. אייגענטליך זיינען די כמעלניצקיס שחיטות פארגעקומען אין פארלויף פון צעהן יאהר, און די שחיטה פון כ׳ סיון, וואס איז פארגעקומען אין דער שטאדט נעמיראוו, איז געווען ניט די גרעסטע, עס זיינען אין דער צייט פון כמעלניצקיס פאכאד געווען גרעסערע שחיטות, אויף אידען. אבער די שחיטה האט זיך אויסגעצייכענט מיט באזונדער גרויזאמקייט: די שטאדט נעמיראוו איז געווען שוין אין יענער צייט אן אלטע אידישע שטאדט, מיט א אידישע באפעלקערונג פון זעקס טויזענט נפשות, א שטאדט פון אידישע לומדים, אידישע אינסטיטוציעס, א היפשע צאהל בתי מדרשים, וואהלטהעטיגע אנשטאלטען, און די גאנצע שטאדט איז חרוב ומוחרב געווארען, די אידישע באפעלקערונג, פארניכטעט, מיט די שרעקליכסטע אכזריות, געבליבען איז דארט גאר ניט, חוץ חורבות.

אין יענער צייט זיינען פארפאסט געווארען קינות לזכר ת״ח, וועלכע מאנכע פרומע אידען זאגען נאך יעצט, דעם צוואנציגסטען אין חודש סיון, וועלכער איז אין יענער צייט באשטימט געווארען אלס תענית, ווי געזאגט, לזכר ת״ח. די באשטימער פונ׳ם תענית, און אויך פון אנדערע תקנות, זיינען געווען אוטאריטעטען אין דער רבנישער וועלט, ווי הרב שבתי כהן, באקאנט מיט דעם נאמען, ש״ך, און אנדערע. די געזאגט איז די גאנצע עפאכע יענע באקאנט אין דער אידישער וועלט, מיט דעם נאמען „גזירות ת״ח".

מיט הונדערט יאהר שפעטער, אינ׳ם זעלבען טאג. — דעם צוואנציגסטען אין חודש סיון, האט א צווייטער קאזאקישער באנדיט, — דער באוואוטער גזלן גאנטע, מיט זיינע באנדעס, געמאכט א שחיטה אויף אידען אין דער שטאט אומאן, אין וועלכער אכט טויזענט אידען זיינען אויסגע׳הרג׳עט געווארען.

מיר שטעלען זיך ניט אפ באזונדערס אויף די שחיטות פון די פארשידענע באנדיטען אין אוקראינע, אין די אלטע צייטען, מיר שרייבען ניט קיין היסטארי פון אמאהליגע שחיטות, מיר האבען בלויז דערמאנט יענע שחיטות, ווייל אין טאראשטשער בתי מדרשים האט מען אויסגערופען, מען זאל זיך צוזאמענקומען דעם טאג, זאגען קינות — ת״ח, און פאסטען.

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

קאפיטעל 17.

מען אנטלויפט קיין ראקיטנע.

מיטוואך, דעם צוואנציגסטען פון חודש סיון. זיינע אלע אידען פון אונזער שטעדטעל טאראשטשע, מענער, פרויען און קינדער, געקומען אין די בתי מדרשים, קלאגען אויף די אמאהליגע שחיטות און אויך באוויינען די יעצטיגע שחיטות און אומגליקען, וואס זיינען פיללייכט ניט קלענער פון חי אמאהליגע. די בתי מדרשים, קלויזען און שוהלען זיינען געווען געפאקט, ביטערע געוויינען, קלאגען, יאמערען און זיפצען האבען זיך געריסען צו די הימלען.

ארום דריי א זייגער בייטאג איז אין שטאדט געווארען א טרעוואגע. סע האט זיך געהערט, אז א געוויסע באנדע, וואס איז געווען דער שרעק פון גאנץ אוקראינע, קומט צום שטאדט, די מתפללים האבען שנעל פארלאזען די בתי תפילות און זיינען ארויסגעלאפען אין גאס, פארצווייפעלט, האלב פאררוקט זיינען זיי ארומגעלאפען איבער די גאסען, זיך ברעכענדיג די הענט, ניט אויפהערענדיג זיך פרעגען: וואס טהוט מען, וואו לויפט מען?

די ערווארטעטע באנדע איז געווען פון „באטקא" (פאטער) מאכנא. צווישען די „פארזארגער" פון אוקראינע האבען איינינגע זיך גערופען „באטקי" (פאטערס), וואס האבען כלומרשט ווי פאטערס געזארגט פאר זייער אוקראינע און איהרע איינוואהנער, די אוקראיניצעס. די באטקאווטשינע (פאטערשים) האט ניט ווייניג בלוט און גוטס געקאסט די אידען, דאס זיינען געווען די זעלבע באנדיטען און רוצחים ווי די אנדערע באנדיטען. זיי האבען בלויז צוגעטשעפעט, ווי מען זאגט, א קאקארדע (עהרען צייכען), — באטקא, אדער אידייני (אידיעאלע), אין דער אמת זיינען דאס געווען די זעלבע באנדיטען, ווי די אנדערע, פון וועלכע אידען האבען ניט ווייניגער געליטען, ווי פון געוויינליכע באנדיטען, ניט קיין אידיאלע, און אויב אפילו די כלומרשט אידעאלע באנדיטען האבען אנגעהויבען אלס אידעאליסטען, נאר געענדיגט האבען זיי אלס איינפאכע באנדיטען, אדער אלס גלאוואריי (הויפטמאנס) פון פשוט'ע באנדיטען.

מאכנא איז געווען א לעהרער פון א רוסישען שוהלע, האט פרעטענדירט צו זיין אן אנארכיסט, איז געוועזן אזוי צוזאגען א אידייני (אידעאלער) באטקא, ער האט פערזענליך דערשטאכען איינעם פון די באנדיטישע אטאמאנעס — גריגאריעוו, דערפאר, וואס יענער איז געווען זעהר בלוטדורשטיג, ער האט זיך אבער צו לעצט ארויסגעלאזט אלס ניט ווייניגער דורשטיג נאך אידיש בלוט, ווי די אנדערע באנדיטען. אט דיזען „אידיינע באטקא", מיט זיין באנדע, האט מען יעצט ערווארטעט אין טאראשטשע, און די אידען זיינען געווען אויסער זיך, פון פארצווייפלונג, ניט וויסענדיג, וואס צו טהון, צו מען זאל דא ווארטען אויף דער באנדע, אדער אנטלויפען וואו די אויגען וועלען טראגען...

נאך א קורצען ישוב הדעת האבען די אידען באשלאסען, אוועקצוגעהן קיין ראקיטנע, א שטעדטעל, עטליכע און צוואנציג ווייארסט פון טאראשטשע, וואו מען האט געזאגט, שטעהט יעצט א באלשעוויסטישער אטריאד, וואס לאזט ניט, מען זאל רויבען און שלעכטס טהון צו אידישע איינוואהנער.

טאראשטשער אידען האבען איבערגעלאזט אויף הפקר, זייערע הייזער, ארעמע ווירטשאפט, זייערע קלייטלאך, מיט דעם ביסעל סחורה וואס איז „אומשטיינסגעזאגט",

נאך געווען אין די קלייטלאך, און זיינען אוועק קיין ראקיטנע. מענער, פרויען, קינדער, יונג און אלט, אלעס האט זיך געשלעפט אינ׳ם טרויערדיגען פאכאד, קליינע קינדער האט מען געטראגען אויף די הענט, פאר גאר אלטע, שוואכע און קראנקע האט מען געהאט א פאר פערד און וועגעלאך.

א שוידערליך בילד איז דאס געווען, אנצוקוקען, ווי מחנה אומגליקליכע, היימלאזע, מיט איבערגעשראקענע, פארצווייפעלטע געזיכטער, מיט אומבאשרייבליכען יאוש אין די אויגען, שלעפען זיך אויף די שליאכעס (ראודס), וועגען, אין די דערפער, דורך וועלכע די אומגליקליכע זיינען דורגעגאנגען, זיינען ביי די הייזער געשטאנען די קריסטליכע איינוואהנער און מיט נייגעריגקייט און וואונדער געקוקט אויף דעם אונגעוויינליכען טרויער מארש, אויף די געזיכטער פון די צושויער (צוקוקער), האבען זיך אויסגעדריקט פארשידענע געפיהלען; מאנכע האבען, באדויערענדיג, געשאקעלט מיט די קעפ, אנדערע געזיכטער האבען אויסגעדריקט גלייכגילטיגקייט, עס זיינען אבער געווען ניט ווייניג אזעלכע, וואס האבען געלאכט פון די וואנדערער, זיך געפרעהט מיט זייער אומגליק, עס זיינען אויך געווען אזעלכע, וואס האבען נאכגעשריען: „קיין פאליעסטינע, איהר פארשאלטענע! אין אונזער הייליג רוסלאנד איז ניטא קיין פלאץ פאר אנטיקריסטען!״ (קריסטום שונאים).

די וואנדערער זיינען געווען צופרידען, וואס מען לאזט זיי צו רוהע, וואס מען באנוגענט זיך בלויז מיט אפלאכען, מיט אפשפעטען, וואס מען רייצט ניט אן אויף זיי קיין הינט, מען גרייפט זיי ניט אן.

איידער מ׳איז געקומען צום דארף סיניאווע, עטליכע ווירסט אונטער ראקיטנע, האט א גאס געטהון א קאלטער, שלאקס רעגען, וואס האט זיך פארוואנדעלט אין א האגעל. א קאלטער ווינט האט געטריבען דעם רעגענדיגען האגעל גלייך אין די פנימער, עס איז שוין געווארען פינסטער, די אומגליקליכע האבען זיך קוים געשלעפט, מיד, אויסגעמאטערט, אויסגעמוטשעט, פארהונגערט, נאס ביז׳ן ביין.

די אידען פון ראקיטנע זיינען געוואהר געווארען פון טאראשטשער וואנדערער, און וויפיעל עס זיינען געווען אין שטעדטעל פערדלאך און וועגענער, זיינען ארויסגעפאהרען, אויפנעהמען די אומגליקליכע וואנדערער. יעדער ראקיטנער איד האט אריינגענומען אין זיין וואהנונג אזוי פיעל אורחים, וויפיעל עס איז נאר געווען מעגליך, מען האט גגעבען די אויסגענעצטע, איבערגעפרוירענע וואנדערער א מעגליכקייט, אויסצוטריקענען די קליידער, שיך, מען האט זיי געגעבען געלעגערס, עסען, טרינקען. צוויי טעג זיינען זיי געווען אין ראקיטנע, און געוואהר ווערענדיג, אז אין טאראשטשע איז רוהיג, האבען זיי זיך אומגעקעהרט אהיים, זיי זיינען געווען גליקליך, טרעפענדיג אלעס, ניט געריהרט: די היימישע ארענטליכע מיעשטשאנים האבען די גאנצע צייט געהיט די אידישע ארעמקייט, גנבים זאלען עס ניט צושלעפען, צושטערען.

עס איז געווען א פאלשער אלארם: מאכנאס באנדע איז ניט געקומען, זיי האבען זיך פארקערעוועט אין אן אנדער שטאדט. אידען האבען זיך געשראקען פאר יעדען שארך, פאר יעדען קלאפ, עס איז אויף זיי מקוים געווארען די קללה: „פאר׳ן אייגענעם שאטען וועלען זיי זיך שרעקען״.

עס איז אנגעקומען קיין טאראשטשע א באלשעוויסטישער פאלק, און די אידען האבען זיך בארוהיגט, פריי אפגעאטעמט,ליידער ניט אויף לאנג, ווי די לעזער וועלען ווייטער לעזען.

פון טאראשטשער וואנדערונג קיין ראקיטנע האט אונז געשריבען חאנאפאלסקי.

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

קאפיטעל 18.

גריביענקא פארניכטעט סקאראפאדסקי'ס באטאליאן.

דער באלשעוויסטישער פאלק, וואס איז געקומען קיין טאראשטשע, האט געמוזט אוועק, און די שטאדט איז געבליבען ווידער אונבאשיצט, עס איז געקומען א באנדע, אונטער דער קאמאנדע פון א קארדענער יונגען קריסט, איינעם יאצענקא.

יאצענקא איז געווען א האלבער אינטעליגענט, געענדיגט טאראשטשער גאראד־סקאיע אוטשילישטשע, ער האט ארגאניזירט א קליינע באנדע, און זיך אוועקגעלאזט מיט איהר רויבען אידען, ער האט נאך ניט געהאט קיין געלעגענהייט, זיך צופיהרען די הענט אין טאראשטשע, א טייל פונ'ם באלשעוויסטישען פאלק, וואס איז אוועק פון שטאדט, האט זיך צוריקגעקעהרט, און יאצענקאן פארטריבען. מיר וועלען זיך נאך טרעפען מיט'ן אינטעליגענטען באנדיט, יאצענקא'ן, שפעטער.

דער באלשעוויסטישער פאלק, איז לאנג אין טאראשטשע ניט פארבליבען: עס האבען זיך דערהערט טראמייטען און באראבאנען פון מיליטער, וואס האבען זיך געהערט פון אונטערען שטאדט, די באלשעוויקעס, זייענדיג ווייניג אין צאהל, און ניט וויסענדיג, ווי גרויס איז די צאהל פון די מיליטער, וואס קומט אן, זיינען זיי אוועק.

די מיליטער, וואס איז אנגעקומען, איז געווען אן אטריאד, וועלכער דער געטמאן סקאראפאדסקי האט געשיקט פון קיעוו, אפרייניגען דעם געגענד ארום טאראשטשע, פון די פארשידענע חיילות און באנדעס, וואס זיינען פיינדליך צו דייטש־לאנד און צום געטמאן.

טאראשטשע און אומגעגענד איז געווען א גוטער סטראטעגישער פונקט, פאר פארשידענע חיילות און באנדעס, ווייל ארום שטאדט זיינען געווען גרויסע געדיכטע וועלדער, בערג, טאהלען, פראוואלים (גרויסע נאטירליכע גריבער), וועלכע זיינען געווען גוטע סטראטעגישע פלעצער, זיך באהאלטען פון א שונא, און אויך צו מאכען איבערפאלען, טאראשטשע האט אויך געהאט אן אייגענעם פאלק, מיט'ן נאמען: „טאראשטשאנסקי פאלק", וועלכען עס האט ארגאניזירט א יונגער ליעסאוויטשער פויער — גריביענקא. וועגען דעם פאלק, און וועגען דעם גרינדער וועלען מיר נאך שרייבען א באזונדער קאפיטעל.

ווי געזאגט, איז דער אטריאד, וואס איז אנגעקומען קיין טאראשטשע, געווען פון געטמאן סקאראפאדסקי, דייטשלאנד האט זעהר השק געהאט צו דער פעטער אוקראינע, און באצייטענס געשיקט קיין קיעוו, די הויפט שטאדט פון אוקראינע, א פאלקאווניק, וואס האט געדינט אין דער דייטשער ארמייע, איינעם סקאראפאדסקי, וועמען מען האט באשטימט אלס געטמאן (הויפט פון די קאזאקען), סקאראפאדסקי האט אויפגעלעבט אין אוקראינע דעם גייסט פון דעם היידאמאשטשינע, און אין דער קורצער צייט, וואס אין קיעוו איז ער געווען א געטמאן, האבען די אידען פון אוקראינע ניט ווייניג זיך אנגעליטען, פון די היידאמאקעס. דער נאמען „היידאמאק", האבען די טאטערען, וואס זיינען אין די אלטע צייטען געווען זעהר פיעל אין רוסלאנד, געגעבען דעם רוסישען קאזאק. אויף טאטעריש הייסט עס: „א מענש אהן א געפיהל, אהן הארץ און אהן געוויסען", מען קאן פארשטעהן, וואס פאר א מענש דער קאזאק איז געווען, אז אפילו דער טאטער איז אויף איהם געווען א מבין, און איהם גערופען: „מענש אהן הארץ, אהן געוויסען, אהן געפיהלען" . . .

די היסטאריע פון טאראשטשע

באשטימענדיג א געטמאן אין אוקראינע, האט די דייטשע מלוכה אויסען געוועז, צו באפען צוויי פליגען מיט איין מאהל: געבען אוקראינע אן אוקראינישען פראדוקט, קאזאקען און היידאמאקען, און דער עלסטער פון די קאזאקען זאל זיין א פאלקאווניק פון דער דייטשער ארמייע.

דער קאמאנדיר פון אטריאד, וואס סקאראפאדסקי האט געשיקט, איז געווען א געוועזענער פאמאשטשניק איספראווניק (געהילף פון איספראווניק) אין טאראשטשע, וועלכער האט יעצט געדינט אלס אפיציר אין סקאראפאדסקי'ס ארמייע. זייענדיג גוט באקאנט מיט דער געגענד פון שטאדט און ארום, האט סקאראפאדסקי באשטימט דעם געוועזענעם טאראשטשער משינאווניק, אלס קאמאנדיר פון קליינעם אטריאד, א גרע־סערע צאהל מיליטער האט געדארפט נאכקומען.

עס איז געוועזן א שבת פארנאכט, ווען דער אטריאד איז אין שטאדט אנגעקומען. דער קאמאנדיר, אלס געוועזענער טאראשטשער משינאווניק, האט געוואלט געבען זיינע קאמעראדען א „גוד טיים" (גוטע צייט פארטרייב), אין דער שטאדט, וואו ער איז אמאהל געווען א גאנצער באלעבאס, זייענדיג ביי זיך זיכער, אז עס איז ניטא, פאר וועמען מורא צו האבען, דען יאצענקא'ן האבען די באלשעוויקעס פארטריבען, און אליין זיינען זיי אוועק, ווען זיי האבען דערהערט, אז ער קומט, מיט זיין אטריאד, האט שוין דער אטריאד פאר קיינעם קיין מורא, און זיינען זיכער פון יעדען איבערפאל, ער האט גענומען זיינע אפיצירען און קאמעראדען, און אוועק, מיט זיי א לעב צו מהון, אויף אפיצירישען שטייגער, ד. ה. מיט וויין, ווייב, און געזאנג. די סאלדאטען האט ער אויך ערלויבט הוליען, זיך אמוזירען ווי זיי געפעלט, ווייל אין „זיין שטאדט" זיינען זיי זיכער, „ווי ביי יעזוסען אין פאזעכע" (ביי יעזוסען אין בוזעם).

מען האט ניט געדארפט פאר די סאלדאטען עס צוויי מאהל איבער'חזר'ען, זיי האבען אפילו ניט אויסגעפאקט זייערע זאכען, זיי וועלען עס צייט האבען, צו טהון מארגען, זונטאג, האבען איבערגעלאזט זייערע געווער, און אוועק שיכור'ען און הוליען „פא סאלדאטסקאמו" (ווי סאלדאטען קאנען).

שפעט ביינאכט, ווען די סאלדאטען זיינען שוין געווען שטארק פאר'שיכור'ט, פארטיעפט אין זייער סאלדאטסקי עולם הזה, צו ווארפען איבער'ן גאנצען שטאדט, זיינען זיי איבערפאלען געווארען פון „טאראשטשאנסקי פאלק", וועלכען דער ליעסא־וואשער פויער גריביענקא האט געגרינדעט, דעם גרעסטען טייל פון אטריאד אויס־געהרג'עט, א קליינע צאהל האבען זיך געראטעוועט, דורך אויסבאהאלטען זיך אין וואלד, אדער פארשטעקענדיג זיך אין די גערטנער, גריבער. דער קאמאנדיר און די אפיצי־רען, פארברענגענדיג אין פארגעניגען, האבען דערהערט א שיסעריי אין שטאדט און האבען זיך שנעל אויסגעניכטערט און זיך געלאזט לויפען איבער'ן שטאדט, צו זייערע סאלדאטען, עס איז שוין ניט געווען וועמען און וואס צו ראטעווען, די עטליכע אפיצירען האבען געטיילט דעם שיקזאל פון גאנצען אטריאד . . .

קאפיטעל 19.

גריביענקא און טאראשטשאנסקי פאלק.

וועגען גריביענקא'ן האבען אונז מיטגעטיילט דריי טאראשטשער לאנדסלייט, וועלכע האבען איהם זעהר גוט געקאנט, די דריי לאנדסלייט זיינען: חנן אלשאנסקי, יוסף חאנאפאלסקי און משה באיארסקי, וועלכער וואהנט יעצט אין לאס אנזשעלאס,

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

קאליפארניע. יעדער פון די דריי לאנדסלייט האט אין דער סמוטנער צייט, ווען לעבענס, ספעציאל אידישע לעבענס, זיינען געווען זעהר ביליג, האבען זיך געטראפען מיט'ן טויט פנים אל פנים, און נאר דורך נסים, זיך פון טויט געראטעוועט. עס זעהט אויס, אז די השגחה האט זיי געלאזט לעבען, אום זיי זאלען קאנען מיטיילען פון „טאראשטשער איבערלעבונגען", און פון זייערע אייגענע איבערלעבונגען, אהן די מיטהילפע פון די דריי לאנדסלייט אונזערע, אהן דעם ווערטהפולען מאטריאל, וואס זיי האבען מיר צוגעשטעלט, וואלט זעהר אסך אויסגעפעהלט אין דער היסטארי.

טאראשטשער לאנדסלייט, וועלכע פארשטעהען דעם ווערטה פון היסטארי, בכלל, און דעם ווערטה פון היסטארי פון זייער אייגענע שטאדט, פון זייערע אייגענע מענשען, באזונדערס, דארפען זעהר דאנקבאר זיין די לייטע, פאר זייער מאטריאל, וואס זיי האבען צוגעשטעלט. איך, פון מיין זייט, קאן זאגען, אז ווען ניט זייער מאטריאל, וואלט זעהר אסך אפגעגאנגען אין דער היסטארי, און איך בין באזונדער זיי דאנקבאר . . .

און יעצט וועלען מיר נעהענטער זיך באקאנען מיט דעם באנדיט גריביענקא, וועלכער האט אנגעפאנגען זעהר נאבעל, און געענדיגט זעהר מיאוס.

גריביענקא, ווי געזאגט, איז געווען פון דארף ליעסאוויטש, דריי ווארסט אונטער טאראשטשע, געווען איז ער זעהר אן ענערגישער יונגערמאן, פון עטליכע און צוואנציג יאהר, אן אינטעליגענטער, געענדיגט טאראשטשער גאראדסקאיע אומטשילישטשע, געווען גענייגט צו סאציאליזם, א הייסער געגנער פון געטמאן סקאראפאדסקי און די היידאמאקעס, מיט וועלכע דער געטמאן האט זיך ארומגערינגעלט. זייענדיג א שעהנער רעדנער, און קאנענדיג אפעלירען צום פאלק, האט גריביענקא ארגאניזירט א פאלק, פון קריסטליכע איינוואהנער, פון טאראשטשע און פון די שטעדטלאך און דערפער ארום. דעם פאלק האט ער גערופען: „טאראשטשאנסקי פאלק", מיט'ן פאלק האט ער געהאלפען דער סאוויעטישער ארמייע, קעגען איהרע שונאים.

א צייט לאנג איז ער געווען מיט'ן פאלק, אלס זיין קאמאנדיר, אין פארשידענע באלשעוויסטישע פראנטען, איז מיט א טייל פון פאלק צוריק געקומען אין טאראשטשע, וואו די אידען האבען איהם אויפגענומען אלס השוב'ען „בן עיר", זיי האבען איהם אפילו פארגעלייגט א מנה יפה, צו שטייער, אויף אויסהאלטען דעם פאלק, ער האט זיך אבער פון געלט ענטזאגט, זאגענדיג, אז ער האט געלט, מעהרער ווי גענוג, ער האט נאך געוואלט געבען פאר די ארעמע אידען אין שטאדט עטליכע זעקלאך מעהל, אבער אין דער צייט, ווען ער האט פריינדליך גערעדט מיט דער אידישער דעלעגאציע, האט ער שוין געטראכט, איבערגעהן צו די שונאים פון די סאוויעטען. זייענדיג מיט דער באלשעוויסטישער מאכט צוזאמען, האט ער איהר געשטעלט געוויסע קאנדיציעס, אדער פארשלעגע, וועלכע זיי האבען ניט געוואלט, אדער נים געקאנט אננעהמען, ער האט זיך מיט זיין פאלק צוריקגעצויגען פון פראנט, א טייל פון פאלק האט ער געגעבען ערלויבעניש, זיי זאלען זיך אומקערען אין זייערע היימען, זיך אויסרוהען און קומען צוריק, ווען ער וועט זיי רופען.

ער האט אפגעקליבען פון פאלק, געוויסע לייטע, אויף וועלכע ער האט געהאט א ווירקונג, האט מיט זיי געקאנט טהון, וואס ער וויל, אין האט אנגעהויבען מיט זיי באפאלען יעדע נאכט אידען פון טאראשטשע און אומגעגענד, אוועקרויבען פון זיי, וואס עס איז נאר געווען מעגליך, און ווען די אידען זיינען געקומען צו גריביענקא'ן, זיך באקלאגען, אז זיינע לייטע רויבען די אידען, האט ער זיי פארשפראכען, די לייטע

צו באשטראפען, און ביי דעם פארשפרעכען איז ער געבליבען. ווערענד א פארעטער צו די באלשעוויקעס, איז גריביענקא, צו דער זעלבער צייט, געבליבען דער זעלבער שונא צו געטמאן און צו זיינע סאמאסטענים (קאזאקישע ראטעס), וואס האבען געוואלט אפרייסען אוקראינע פון רוסלאנד, פאר דייטשלאנד, און ער האט אפגעשפילט דעם געטמאנ'ס אטריאד, וואס איז געקומען קיין טאראשטשע, די בלוטיגע חתונה, וואס איהר האט פריהער געלעזען.

קאפיטעל 20.

גריביענקא'ס סוף.

אויף מארגען, נאך דער הריגה פון קיעווער אטריאד, שרייבט אלשאנסקי, איז צו זיין וואהנונג צוגעפאהרען אויף פערד צוויי פון גריביענקא'ס באנדע, און איהם באפוילען, די מינוט געהן מיט זיי אין אופראווע, וואו עס ווארט דער אטאמאן גריביענקא. דער וועג צו דער אופראווע, ווי אלשאנסקי טיילט מיט, איז געווען פארווארפען מיט טויטע קערפערס פון אטריאד, וועלכע מען האט נאך ניט באוויזען צונעהמען.

אין דער אופראווע זיינען שוין געווען עטליכע טשליענעס, אויך דער גאלאווא (סיטי מאיער), גריביענקא איז געזעסען שטאלץ אויפ'ן גאלאוואס שטול, און מיט א הויכער שטימע האט ער געגעבען א באפעהל: „אויב מען וועט מיר ביז פיער אזייגער פארנאכט, ניט צושטעלען צוויי הונדערט און פופציג טויזענט רובעל, וועל איך ניט איבערלאזען אין שטאדט קיין שטיין אויף א שטיין". אפזאגענדיג די מימרא, האט ער שטאלץ פארלאזט די אופראווע, איבערלאזענדיג אלע אין פארצווייפלונג.

גאלאווא איז צו יענער צייט געווען א געוועזענער מיראוואי סודיא (דזשאדזש), איינער סענקעוויטש. מען האט גלייך פארופען א זאסיעדאנדיע (זיצונג), פון באלעבאטים פון שטאדט, און דעם עולם האט גלייך אנגעהויבען טראגען געלט, פדיון נפש, יעדער שעה, איז געקומען א שליה פון גריביענקא'ן און פארנומען דאס געלט, וואס איז אריינגעקומען, הונדערט טויזענט רובעל איז שוין אריינגעקומען, עס איז שוין אבער וויניג צייט געבליבען, צו פיער דעם זייגער, וואס דער באנדיט האט באשטימט, וואס טהוט מען ? קיין אנדער מיטעל איז ניט געבליבען, ווי פאהרען קיין ליעסאוויטש, בעטען גריביענקא'ן, ער זאל באוויליגען נאך צוויי טאג צייט, און מען וועט איהם שאפען די פולע סומע, ווער וועט אבער פאהרען צו אזא באנדיט ? אזא שליחות שמעקט ניין און ניינציג פראצענט מיט'ן טויט, לויט ווי גריביענקא האט זיך ארויסגעוויזען אין זיין אמת'ן געשטאלט ? עס איז געבליבען, מען זאל ווארפען גורל, מען האט געווארפען גורל, און מעשה שטן, איז דער גורל געפאלען אויף דעם איינציגען אידישען סטאראסטע, אלשאנסקי'ן. אלשאנסקי האט זיך אויפגעהויבען, זיינע אויגען האבען זיך אנגעפיהלט מיט טרעהרען.

„פראשטשאיטיע, גאספאדא" (זייט געזונט, מיינע הערען), האט ער געזאגט, „איך וועל שפארען מיין פרוי די אנגסטען, פון זיך געזעגענען, איך וועל פון דאנען פאהרען, אויב איך וועל זיך ניט אומקערען, זאגט מיין פרוי, אז מיין לעצטע געדאנקען זיינען געווען מיט איהר", (קיין קינדער האבען זיי ניט געהאט), און ניט אומקוקענדיג אויף קיינעם, האט ער זיך געלאזט צום טיהר.

„סטוי!” (בלייב שטעהן), האט איהם דער גאלאווע, סענקעוויטש אפגעהאלטען, בלייב דא, דו האסט קיין רעכט, צו ריזיקירען מיט דיין לעבען, דו האסט א פרוי, וואס וועט וויינען נאך דיר, אויב דו וועסט זיך ניט אומקעהרען, איך וועל פאהרען, נאך מיר וועט קיינער ניט וויינען, אויב איך וועל שוין צוריק ניט קומען, איך האב ניט קיין ווייב, קיין קינד, אפילו קיין קאץ, קיין הונט האב איך אויך ניט, איך בין אן אלטער באבעל (אלד בעטשלער), איך וועל קיינעם ניט פעהלען, און קיינער וועט נאך מיר ניט קלאגען”.

און זיך ניט אומקוקענדיג אויף קיינעם, איז ער, כמעט, ארויסגעלאפען פון דער אופראווע. דער בראווער גאלאווא איז שנעל אריוף אויף זיין פערד, וואס איז געשטאנען אנגעבונדען נעבען דער אופראווע און אוועקגעלאפירט, אויפ׳ן וועג צו ליעסאוויטש. דער גאלאווא האט געוואהנט אונטערען שטאדט, און יעדען פריה מארגען פלעגט ער קומען אין אופראווע צופאהרען, רייטענדיק.

דער גאלאווא איז נאך ניט געהאט ארויסגעפאהרען פון שטאדט, ווען עס האט זיך דערהערט אונטערען שטאדט דייטשע מיליטער מוזיק, וואס קומט צום שטאדט. דאס איז געקומען א פאלק דייטשע מיליטער, וואס געטמאן סקאראפאדסקי האט געשיקט קיין טאראשטשע, צו פארשטארקען דעם אטריאד, וועלכען גריביענקא, מיט זיינע לייט, האבען שוין פריהערדיגע נאכט אויסגע׳הרג׳עט. דער גאלאווא האט פארקערעוועט דעם פערד צוריק, צו דער אופראווע, וואו עס זיינען נאך געווען אלע אלדערמאנס, וועלכע האבען מיט פרייד איהם גראטולירט, מיט זיין אומקער, באזאנדערס, האט זיך געפיהלט גליקליך דער אידישער סטאראסטע, פאר וועמען דער בראווער גאלאווא האט איינגעשטעלט זיין אייגען לעבען.

גריביענקא האט שוין ניט געווארט, ער זאל זיך טרעפען מיט די דייטשען, האט שוין פארגעסען אינ׳ם באלאנס, און איז שנעל אנטלאפען אין וואלד, אויף זיין ספירטנע פערד, זיך אויסצובאהאלטען.

עס האט ניט לאנג גענומען, און די באלשעוויקעס, וואס האבען זיך ארומגעדרעהט אין יענעם געגענד, האבען אויסגעזוכט גריביענקא׳ן, מיט א טייל פון זיינע באנדיטען, זיינען זיי פלוצים איבערפאלען, פיעלע פון זיי אויסגע־הרג׳עט, אדער פארוואונדעט, גריביענקא׳ן האבען זיי א פארוואונדעטען אוועקגעפיהרט קיין קיעוו, וואו זיי האבען איהם דערשאסען, אלס פארעטער. מיט גריביענקא׳ס טויט איז געווארען א ענדע פון „טאראשטשאנסקי פאלק”.

די רעשטלאך פון פאלק האט די צענטראלע באלשעוויסטישע מאכט צושיקט אין אנדערע פאלקען. מיט דעם האט זיך געענדיגט דער עקזיסטענץ פון פאלק, וועלכען די שטאדט האט דערמאנט מיט פארשידענע געפיהלען . . .

קאפיטעל 21.

א באזוך פון דריי גריביענקא׳ס באנדיטען.

מיר באנוצען זיך מיט דער געלעגענהייט, וואס דער ליעסאווישער באנדיט גריביענקא האט שוין באקומען זיין עהרליך אויסקומעניש, און זיין טריפה נשמה געפינט זיך שוין, צוזאמען מיט די אנדערע באנדיטישע נשמות, מיר וועלען פארלאזען אויף א קורצער צייט אונזער שטעדטעל טאראשטשע, און וועלען זיך אוועקלאזען אין

דער הויפּט שטאָדט פון אוקראַינע — קיעוו. מיר וועלען זעהן, וואָס עס טהוט זיך דאָרט, מיר וועלען דאָרט טרעפען אַ צאָהל אונזערע טאראשטשער, מיר וועלען זעהן, וואָס זיי מאַכען, און וואָס מאַכען בכלל אונזערע אידען אין קיעוו, מיר פאָהרען ניט אַליין, עס נעהמט אונז מיט אונזער פריינד און לאַנדסמאַן משה באַיארסקי, מיר פאָהרען אויף זיינע הוצאות. עס איז באַשערט געווען באַיארסקי׳ן דורכמאַכען זעהר אַ טרויערי־גע איבערלעבונג, איידער ער האָט פאַרלאָזט זיין געבורט שטעדטעל — טאַראשטשע.

עס איז געווען אינ׳ם טאָג, ווען גריביענקאָ האָט געדאַרפט קריגען דעם פערטעל מיליאָן רובעל, אונזער לאַנדסמאַן באַיארסקי איז געווען איינער אַליין אין זיין וואָהנונג, אַליין, מיט זיינע אייגענע צרות, און מיט די צרות פון גאַנצען שטעדטעל. עס קומען אַריין צו איהם דריי באַנדיטען, פון גריביענקאָ׳ס באַנדע, און הייסען זיך געבען געלט, און דוקא גאָלדענע פינף רובלדיגע. משה דערצעהלט זיי, אַז ער איז אַן אָרעמער אומשיטיעל (לעהרער), האָט שוין לאַנג קיין שכירות ניט אָנגעקוקט, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער סעמייסטווע הונגערען זיי, און ניט בלויז קיין גאָלדענע פינף רובעלדיגע האָט ער שוין לאַנג ניט אָנגעקוקט, נאָר אפילו פאַפּירענע רובעלס, האָט ער שוין אויך באַלד פאַרגעסען, ווי זיי זעהען אויס.

די באַנדיטען האָבען איהם אָוועקגעשטעלט מיט׳ן פּנים צום וואַנט, זיך גע־שטעלט אונטער איהם, גרייט איהם צו שיסען. האָבען אָנגעהויבען צעהלען : ראַז, . . דוואַ . . (איינס, צוויי) . . .

מען קאָן זיך פאָרשטעלען, ווי דער אומגליקליכער משה האָט געפיהלט, הערענדיג ווי מען צעהלט די מינוטען, וואָס איז איהם נאָך געבליבען צו לעבען, אויב ער האָט נאָך בכלל געקאָנט עפּעס פיהלען. ער וואַרט אויף דער לעצטער צאָהל „טרי״, וואָס וועט שוין זיין באַגלייט מיט אַ טויטליכען שאָס, און דאַן . . . דאַן וועט שוין זיין די ענדע פון זיין טרויעריגען לעבען, דער שרעקליכער צאָהל „טרי״, קומט אָבער ניט, אַנשטאָט דעם שאָס קומט אַ הילכיגער געלעכטער פון די באַנדיטען, באַגלייט מיט די ווערטער : „ביעגי, סטשאַסטליווי זשיד״, לויף, גליקליכער איד.

באַיארסקי האָט שוין ניט געוואַרט, מען זאָל דעם באַפעהל איבער׳חזר׳ן, געכאַפּט די פיס אויף די פלייצעס און איז אַרויסגעלאָפען, ניט אומקוקענדיג זיך. די לעצטע איבערלעבונגען האָט פעסט געמאַכט זיין באַשלוס, וועלכען ער האָט שוין פון פריהער געהאַט, אַוועק קיין קיעוו, ניט רעכענענדיג זיך מיט קיינע געפאַהרען, וואָס האָבען גע־לויערט אויפ׳ן וועג, ניט קוקענדיג אויף זיינע ביטערע אָרעמקייט. זיין פאַרמעגען איז באַשטאַנען פון זעקס מיטגלידער פון זיין סעמייסטווע, אונטער געשלאָגען מיט אַ ביטערען דלות, האָט ער דאָך באַשלאָסען, אַוועק קיין קיעוו, ער איז געגאַנגען מיט׳ן מאמר : „מאַן דיהיב חיי, יהיב מזוני (ווער עס גיט לעבען, גיט ער אויך צום לעבען), אין מיט דיזען פאַרצווייפעלטען באַשלוס און האָפענונג האָט ער מיט זיין פאַמיליע זיך געלאָזט קיין קיעוו, וואו מיר וועלען איהם באַגלייטען.

קאַפּיטעל 22.

די הויפּט שטאָדט פון אוקראַינע, קיעוו.

די שעהנע גרויסע שטאָט קיעוו, מיט איהרע פּאַלאַצען און גרויסע מאַגאַזינען, מיט איהר גרעסטע פּראַוואָסלאַווני הייליגקייט „פּעטשערסקאַיאַ לאַווראַ״ (אַזאַ מאַ־נאַסטיר), מיט איהר שעהנעם „קריעשטשאַטיק, — די שעהנסטע גאַס אין קיעוו,

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

דער נאָמען קריעשטשאַטיקאַיז, אַ מאָנומענט פין דער טויפע (קריעשטשעני), וואָס דער סלאַווישער פירסט וולאַדימיר סוויאַטוי (דער הייליגער), האָט מיט איבער טויזענט יאָהר צוריק דאָס סלאַוויש געצען דינער פאָלק, די שפּעטערדיגע רוסען גע־טויפט אויף גריכיש־קאַטוליש (פּראַוואָסלאַווי), קיעוו, מיט איהר גלאַטען דניעפּר, וועלכען דער רוסישער פּאָעט האָט אַזוי שעהן באַזונגען:

„וויסאָקאָ פריעדאַ מנאָיו, סטאַרי קיעוו נאַד דניעפּראַס, דניעפּר סוויערקאַיעט פּאַד גאָראָיו, פּעריעליוונים סעריעבראַס".

„הויך, קעגען מיר, דער אַלטער קיעוו, איבעד'ן דניעפּר, דער דניעפּר שימי־רירט אונטער'ן באַרג, מיט צושמאָלצענעם זילבער . . ."

אָט צו דיעזען קיעוו, וואו מען האָט קיין אידען ניט געלאָזט אפילו איבערנעכ־טיגען, וואו עס האָבען געוואָהנט קריסטען און נאָר פּריוויליגירטע אידען: געענדיגטע פון אוניווערסיטעטען, ערשטע גילדי קופּצים (סוחרים), ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַטען, בעלי מלאכות, דיזע „גליקליכע" אידען האָבען געוואוינט אין קיעוו "געזעצליך". אָבער צעהן מאָל אַזוי פיעל אידען האָבען געוואוינט אין דער הייליגער שטאָט אונגע־זעצליך, אינ'ם זכות פון „כאַבאַר", אויף וועלכען די רוסישע טשינאָווניקעס זיינען געווען גרויסע בעלנים. צו דיעזער שטאָט, האָבען זיך געצויגען אידען פון גאַנץ קיעווער גובערניע, פון גאַנץ אוקראַינע, און אויך פון טאַראַשטשע.

קאַפּיטעל 23.

דאָס לעבען פון אידישע פּליטים אין קיעוו.

עס איז געווען אין יאָהר 1918, ווען משה באַיאַרסקי, מיט זיין סעמייסטווא, זיינען געקומען קיין קיעוו. די שטאָדט איז געווען פאַרפּלייצט מיט פּליטים פון גאַנץ אוקראַינע. איבער צוויי הונדערט טויזענט אידען, פון קיעווער און אַנדערע גובערניעס, זיינען זיך צוזאַמען געלאָפען אין דער הייליגער שטאָט. מען האָט זיך באַזעצט, וואו מען האָט נאָר געפונען אַ ווינקעל: אין נאַסע קעלערען, שטאַלען קאַמערען. אין אַ צימער ד' על ד' האָבען געוואוינט עטליכע פּערזאָן. אָהן ליכט, אָהן לופט, נאַסקייט, אונריינקייט, הונגער און נויט אין לשער. די וואָס זיינען געקומען פריהער, מיט געלט, צירונג און חפצים, האָבען עס שוין פון לאַנג געהאַט גע'פּטר'ט. אַ טרוקען שטיקעל ברויט איז געווען אַ יקר המציאות (זעלטענע זאַך). קינדער פלעגען ארומ־הענגען ארום די ברויט זיצערינס, וואָס פלעגען שניידען ברויט צו פאַרקויפען, אפשר וועט אראָפּפאַלען אַ קליין קרישקעלע פונ'ם ברויט־מעסער, אפשר וועט די גוט־הער־ציגע ברויט פאַרקויפערין אפשניידען אַ קליין שטיקעלע ברויט, פאַר דאָס אָרעם קינד, וועלכעס האָט מיט ברענענדע אויגעלעך נאָכגעקוקט יעדער מינע, יעדען קנייטש פון דער פאַרקויפערין. עלטערען און אויך קינדער, פלעגען באַלאַגערען די פּרוכט און זועדזשטייבעל מאַרקעטס (מאַרקען), פּילייכט וועלען די פּרוכט און גרינס סוחרים אַרויסוואַרפען, אָדער אוועקשענקען אַ האַלב פאַרפוילטע פּרוכט. אַ קאַרטאָפעל, אַ בוריעק, וועלכע די הונגעריגע האָבען אויפגעכאַפּט ווי אבנים טובות. זעלבכט פאַר־שמענדליך, ביי אַזאַ סיטואַציע, וואָס האָט געהערשט צו יענער צייט אין קיעוו, זיינען די אידען געווען ניט די איינציגע וואָס האָבען אַזוי שרעקליך געליטען. די אַנדערע פון דער באַפעלקערונג, האָט אויך ניט ווייניג געליטען. אידען האָבען אָבער נאָך

געליטען ספעציעל „אידישע צרות”, וואס די אנדערע פעלקערשאפטען האבען דערפון ניט געוואוסט, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן.

ווען די צענטראלע מאכט (באלשעוויסטישע) איז געווען אין קיעוו, האט זי, מעהר אדער ווייניגער, באשיצט די אידען פון די הוליגאנעס, האט געעפענט אין קיעוו קיכען, וואו ארעמע לייט וועלכע האבען פאר א קלייניגקייט, אדער גאר אומזיסט, געקראגען א שטיקעל ברויט, שיסעלע שיטערע קוליש. נאר ווען די צאריסטען, אדער פעטליוראווצים זיינען געווארען צייטווייליג די הערשער פון קיעוו, איז דער אידישער מעמד געווארען דארט אן אמת'ער גהינם : מען האט גע'הרג'עט, געוואונדעט, גערויבט, געשענדעט, ספעציאל האבען זיך די וואקכאנאלים אנגעהויבען אין די אווענטען, דאמאלס איז געווען די אמת'ע טייוועלשע חתונה.

„אויב די טעג זיינען געווען ניט איבערצוטראגען”, שרייבט הער באיארסקי, — זיינען די נעכט געווען טויזענט מאהל ערגער, די שרעקליכסטע פאנטאזיע קאן זיך עס ניט פארשטעלען, די תוחכה מיט איהר קללות, איז אין יענער צייט, נאך מעהרער, ווי מקוים געווארען : „בערב תאמר מי יתן בוקר” (אויף דער נאכט וועסטו זאגען, ווען וועט שוין ווערען טאג), פון די אידישע הייזער, וואס זיינען אין די נעכט באפאלען געווארען פון אלערליי באנדיטען און אונמענשען, האבען געהילכט אלערליי פארצווייפעלטע געוואלדען, היסטערישע געשרעהען, פון די געמאטערטע, געשענדעטע, געפייניגטע, זייערע קולות האבען זיך געהערט גאנץ ווייט, ווייט, געשפאלטען די לופט, מיט זייער יאמער, ניט איין אידיש הארץ האט געפלאצט, ניט איין מענש איז פון זינען אראפ, הערענדיג די פארצווייפעלטע געשרעהען, ערווארטענדיג דעם טויט יעדע מינוט, אז די לעבעדיגע האבען מקנא געווען די טויטע, איז ניט געווען קיין מליצה, נאר דער טרויערדיגער אמת. קוקענדיג אויף די טויטע, האט ניט איין לעבעדיגער מקנא זיי געווען : „זיי זיינען שוין זייער'ס איבערגעקומען, זיי וועלען שוין זיך ניט מוטשען מעהר” . . .

צוויי יאהר האט באיארסקי פארבראכט אין קיעוו, דאס זיינען געווען יאהרען פון נויט, דחקות, און פארצווייפעלטע ארעמקייט, נאר מעהר פון אלעם האט מען געליטען גייסטיגע צרות, צוזעהענדיג ווי דער אומדערבארימקער טויט קאסעט אוועק זיינע קרבנות, יונג און אלט, זעהענדיג ווי מענשען, וועמען מען האט געקאנט פון דער היים, ביי גוטע אומשטענדען, אויך ביי רייכטהום, יעצט לעבען זיי א הינטישען לעבען, ערגעץ אין פינסטערע קאנורעס . . . „ניט איין מאהל”, — שרייבט באיארסקי, — „פלעגט ער בלייבען זיצען, מיט'ן קאפ געבויגען, און טרעהרען, הייסע, בלוטיגע טרעהרען האבען געגאסען פון זיינע אויגען, ווי קוואלען, ער פלעגט קלאגען על שבר בת עמי, (אויפ'ן בראך פון אידישען פאלק), ער האט אבער לאנג ניט געקאנט זיך אפגעבען מיט זיין פארצווייפלונג, ער האט געוואוסט, אז ער טאר זיך ניט פארגינען דעם טרויעריגען פארגעניגען, זיצען אין דער היים, זיך אפגעבען מיט פארצווייפלונג, ער דארף געהן צו אנדערע לאנדסלייט, וועלכע זיינען נאך אומגליקליכער פון איהם, זיי אויסריידען דאס הארץ, ברענגען א טרייסט און אפשר אויך אמאהל ארעמע הילפע, וואס ער קאן זיי צושטעלען. מיט גוואלד פלעגט ער זיך ארויסרייסען פון זיין פארצווייפלונג, אוועקלויפען צו אנדערע אומגליקליכע, ברענגען זיי מוטה, טרייסט, וויפיעל עס האט זיך געלאזט, און אויב עס איז איהם געלונגען, מיט ברענגען עפעס ממשות'דיגס, אויך פאר'ן קערפער, האט ער זיך געשעצט דער גליקליכסטער . . .

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

מיר דאָ, אין אַמעריקאַ, האָבען ניט געוואוסט, ווי אונזערע לאַנדסלייט פּלאָגען זיך אַזוי פיעל אין קיעוו, אונזערע לאַנדסמאַנשאַפטען אין ניו יארק, וואָס פלעגען שיקען קיין טאראשטשע עטליכע הונדערט דאָלאר אויף פסח, און אין מיטען יאָהר אויך, וואָלטען געווים געוועזן געשיקט אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע סומע אויך קיין קיעוו, און ווען מיר זיינען געוואָהר געוואָרען, וועגען די גולי טאראשטשע אין קיעוו, האָט שוין די מאכט פאַרבאָטען צו שיקען פין אויסלאַנד הילפע „קאָלעקטיוו", מען האָט בלויז געקאָנט שיקען צו יחידים פון יחידים.

עס איז אונז איין מאָהל אָנגעקומען אַ בריעף פון אַ טאראשטשער סעמייסטווע, פון קיעוו, זעהר אַ פאַרצווייפעלטער בריעף איז דאָס געוועזען, אין וועלכען זיי בעטען, אויב מיר קאָנען, זאָלען מיר זיי „אויסלייען" אַ קליינע סומע, וועלכע זיי וועלען ביי דער ערשטער מעגליכקייט „אָפּצאָהלען".

מיר האָבען געקאָנט די סעמייסטווע פון דער היים, זיי זיינען געווען אנשטענ־דיגע נגידים, געפיהרט אַ שעהנע ביזנעס אין דער היים, אַ פּאָר לאַנדסלייט האָבען זיי אָוועקגעשיקט עטליכע דאָלאר, פאַר וועלכע די אָרמע סעמייסטווע האָט אונז זעהר פיעל געדאַנקט.

„מיט דער סומע, וואָס איהר האָט אונז געשיקט", — האָט די סעמייסטווא גע־שריבען, — „האָט איהר אונז פשוט געראַטעוועט פון הונגער טויט".

יאָ, זעהר שטאַרק האָבען אונזערע לאַנדסלייט געליטען אין הייליגען קיעוו, און ווי אונזער לאַנדסמאַן באַיארסקי שרייבט, האָבען די אומגליקליכע גולים, וועמען דער שיקזאַל האָט געטריבען קיין קיעוו, און שפּעטער קיין רומעניע, ביי די צוויי טייכען — „דניעפּר און דניעסטר", געזונגען די זעלבע טרויער לידער וואָס די אַמאָהליגע אידען, צוריק מיט עטליכע און צוואַנציג הונדערט יאָהר, האָבען געזונגען — „על נהרות בבל".

קאַפּיטעל 24.

על נהר דניעסטר. אויפ'ן טייך דניעסטר.

נאָך צוויי יאָהר זיך פּלאָגענדיג אין קיעוו איז אונזער לאַנדסמאַן, פריינד משה באַיארסקי אָוועק קיין פּאָדאָליע, צו די שטעדטלאך, ביים טייך דניעסטר, ביים רומעני־שען גרעניץ, מיר וועלען איהם באַגלייטען אין זיין וואַנדערונג.

די אידישע לאַגע אין אוקראַינע איז געווען זעהר און זעהר טרויעריג: פרנסה איז ניט געווען, פאַרשידענע באַנדעס האָבען זיך נאָך אַרומגעשליאַיעט אין לאַנד, ספּעציאל אין די אידישע געגענדען, אַרום און אין די וועלדער, טאָהלען, פּראָוואַליס, אַרום די אידישע שטעדט און שטעדטלאך, מען האָט מורא געהאַט אַרויסצופאָהרען, אַרויסצוגעהן פון יענער זייט שטאָדט און שטעדטעל, מען איז ניט געווען זיכער, אַז מען וועט קומען צוריק לעבעדיג, אַפּילו זיצענדיג אין הויז פאַרשפּאַרט, איז מען אויך ניט געווען זיכער, די יעניגע וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען קיין קיעוו, האָבען זיך דאָרט געפיהלט נאָך אומזיכערער, ווי אין דעם אַלטען שטעדטעל, וואָלטען גערען זיך אומגעקערט אין זייער אַלטען מקום, האָבען אָבער ניט געהאַט, צו וועמען און צו וואָס, זיך אומצוקערען. די גולים האָבען ווידער גענומען דעם וואַנדער שטעקען און זיך געלאָזט וואַנדערען, צו די נאָהענטע אויסלענדערשע גרענעצען, מיט דער האָפנונג, אַז פון אַ גרענעץ ערגעץ וועלען זייערע אַמעריקאַנער קרובים זיי שוין אַריבער נעהמען

קיין אַמעריקאַ. די נאָהענטע גרענעץ איז געווען פאַר אוקראַאינער אידען — רומעניע, אַהין האָבען זיך אַוועקגעלאָזט טויזענטער און צעהנער טויזענטער אוקראַאינישע יחידים און סעמייסטוועס (פאַמיליעס), און דאָ האָבען זי זיך אָנגעשלאָגען אין אַן אַלטען רוסישען געזעץ, וואָס האָט זיי צום גרענעץ ניט צוגעלאָזט.

אין רוסלאַנד איז געווען אַן אַלטער געזעץ, נאָך פון ניקאָלאַי דעם ערשטען, אַז פופציג ווייאָרסט פון גרענעץ טאָרען אידען זיך ניט געפינען. די באָלשעוויסטישע מאַכט איז שוין געווען די אָפיציאַלע מאַכט אין רוסלאַנד, האָט אָבער נאָך ניט אָפּגע־שאַפט די צאַרישע געזעצען אין רוסלאַנד, און דעם געזעץ פון די פופציג ווייאָרסט נעבען גרענעץ האָט זי אויך ניט אָפּגעשאַפט, אידען זיינען געלאָפען צו דער רומענישער גרענעץ, האָבען זיי די נייע גרענעץ שומרים, די באָלשעוויסטישע, צו דער גרענעץ ניט צוגעלאָזט. עס איז נאָך געוואָרען שטרענגער, ווי פריהער: ביי די פריהערדיגע צאַריסטישע שומרים האָט מען געקאָנט פאַר עטליכע רובעל די גרענעץ איבערגעהן, ביי די באָלשעוויסטישע האָט מען אַזוי לייכט ניט געקאָנט, מען האָט זיך געמוזט אָפּשטעלען אין די שטעטלאַך, פון דער פופציג ווייאָרסטיגען שטח פון גרענעץ, עס׳איז גע־וואָרען אַ שרעקליכע איינגשאַפט, אין די שטעדט און שטעדטלאַך, וועלכע זיינען געווען אַהן סאַניטאַרישע איינריכטונגען, ווי אין די גרויסע שטעדט, מען האָט מורא געהאַט, עס זאָל ניט אויסברעכען קיין עפּידעמיע. זומער איז נאָך געווען צו דערליידען, מען איז געשלאָפען אויף די פעלדער און וועלדער, ערגער פון ציגיינער, וועלכע האָבען געוויינליך שאַטרעס (טענטס), אָבער די אידישע פליטים האָבען אפילו קיין ציגיינער־שע באַקוועמליכקייטען אויך ניט געהאַט, ווער עס האָט געהאַט וואָס צו פאַרקויפען, אַ קישען, אַ קאָלדרע, אַ שטיקעל בגד, אַ חפץ, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ שטיקעל ווערטה, וואָס מען האָט געקאָנט קריגען דערפאַר מזומן, אָדער אויסביטען אויף ברויט, איז נאָך געווען ווי צו דערליידען.

נים אַלע אָבער האָבען געהאַט, וואָס צו פאַרקויפען, וואָס צו אויסבייטען, און מען האָט שרעקליך געליטען, הונגער, ענגשאַפט, שמוץ זיינען געווען די באַגלייטער פון די אָרעמע וואַנדערער צו דער גרענעץ, אין די קליינע רואינירטע שטעדטלאַך, דער געשרעה פון די ליידענדע פליטים האָט זיך געהערט איבער גאַנץ אוקראַאינע, און אויך אין אויסלאַנד. אידישע כלל טוערים האָבען זיך פאַראינטערעסירט אין די פליטים, איינער אַ רוסיש אידישער אַדוואָקאַט, פון אומאַן, ביים נאָמען באַמפעלד, צוזאַמען מיט אַנדערע כלל טוערים, האָבען אָנגעהויבען זיך באַמיהען ביי דער מאַכט, וועגען די פליטים און וועגען אָפּשאַפען דעם אַלטען געזעץ פון דער גרענעץ, דער פופציג ווייאָרסטיגער שטח פון דער גרענעץ איז ענדליך אַרונטערגענומען געוואָרען, און די פליטים האָבען זיך אָנגעהויבען רוקען נאָהענטער צו דער גרענעץ, דער זעלבער אַדוואָקאַט, מר. באַמפעלד, און אַנדערע כלל טוהער, האָבען אָנגעהויבען זאַמלען פאַר די פליטים פינאַנסיעלע הילפע, דורך אויסלענדערשע און אינלענדעשע אינסטיטוציעס און יחידים, מען האָט אָנגעהויבען העלפען די פליטים, מעהר אָדער ווייניגער, לינדערען זייער נוים, עס איז געשאַפען געוואָרען אַ גאַנצער אַפּאַראַט, מיט טוהערס, העלפערס, אָנגעשטעלטע, — און ווי באַיאַרסקי שרייבט, — זיינען אונגעהוירע סומען געשאַפען געוואָרען, באַיאַרסקי איז געווען איינער פון די אָנגעשטעלטע, אין דיזען אַפּאַראַט האָט ער געאַרבייט אונטער באַמפעלד׳ען, דעם אומאַנער אַדוואָקאַט, איבער אַ יאָהר, ביז זיינע קינדער פון לאַס אַנזשעלאַס, קאַליפאָרניע, האָבען איהם צוגעשיקט הוצאות פאַר זיין גאַנצער סעמייסטווע, און זיי זיינען אַלע אָפּגעפאָהרען קיין לאַס אַנזשעלאַס, וואו זיי געפינען זיך יעצט.

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

מיר וועלען נאך ריידען וועגען פריינד באיארסקי'ן, וועלכען מיר האבען צו פארדאנקען פאר דעם זעהר אינטערעסאנטען, אבוואהל זעהר טרויעריגען מאטעריאל, וועגען קיעוו און ביי דעם גרענעץ פון רומעניע.

און יעצט וועלען מיר פארטזעצען אונזער היסטארי, מיט די געשעהענישען אין אונזער שטעדטעל, פון נאך גריביענקא'ס פינסטערען סוף, ביז דער לעצטער צייט.

קאפיטעל 25.

זשעליעזניאק און זיין באנדע.

אין טאראשטשע איז אנגעקומען א באנדע, וועמעס גלאוואר (הויפט) איז געוועזן איינער מיט'ן נאמען — זשעלעזניאק, א באקאנטער נאמען אין דער אידישער היסטארי, נאך פון די צייטען, פון אמאהליגען גאנטען: איינער פון די הויפט אדיוט־אנטען פון יענעם גאנטען איז געוועזן א זשעליעזניאק. דער יעצטיגער זשעליעזניאק האט מיט זיינע רציחות, מארד לוסט, זיך געשאפען א רעפוטאציע אין אוקראינע, מיט וועלכער ער האט זיך ניט געהאט, וואס זיך צו שעהמען קעגען אנדערע אוקראינישע באנדיטען, טאראשטשער אידען האבען זיך פאר דיזען באנדיט געשראקען ניט וויי־נער, פיליייכט נאר מעהרער, ווי פאר די פריהערדיגע, וואס האבען דאס שטעדטעל באזוכט, גליקליכער ווייזע האבען זיי נאך גוט אפגעשניטען מיט דיזען באנדיט, ווי די לעזער וועלען ווייטער לעזען.

הערענדיג, אז דער באוואוסטער באנדיט זשעליעזניאק קומט קיין טאראשטשע, האבען די אידען פון שטאדט איינגעלאדען די צוויי פראוואסלאווני שטאדטישע גלחים, וואס זיינען געוועזן אידען פריינד, זיי זאלען צוזאמען מיט א אידישער דעלעגאציע באגעגענען דעם ערווארטעטען באנדיט און איהם בעטען, שוינען די אידען.

זשעליעזניאק איז געקומען אין אוכראווע, וואו די גלחים, צוזאמען מיט א אידי־שער דעפוטאציע, האבען איהם באגעגענט. די גלחים האבען איהם דערלאנגט דעם קרייץ, וועלכען ער האט פרום געקושט, און אין דעם נאמען פון דער סוויאטאיא טרויצא, (היילגער דריי איינינקייט — גאט, זון און גייסט), האבען זיי איהם געבעטען, רחמנות האבען אויף די אידען פון שטאדט, וועלכע האבען אין די לעצטע פאר יאהר אזוי פיעל איבערגעליטען, אז פון זיי איז שוין קיין דריטעל ניט געבליבען, און פון זייער ביסעל ארעמקייט איז שוין כמעט גאר ניט געבליבען, זאל ער באווייזען זיין חסד, צו די אומגליקליכע און זיי לאזען צו רוהע.

מיט אומגעדולד האט זשעליעזניאק אויסגעהערט די גלחים און מיט רציחה גע־ענטפערט: „אידען האבען אין א נאהענטען דארף, ערשט ניט לאנג, גע'הרג'עט א גלח, איך וועל זיך אבער אפרעכענען מיט די אנטיקריסטען (קריסטום שונאים), איך וועל זיך שוין אפרעכענען מיט זיי, פאר אונזער גאט, און אויך פאר'ן גלח", — און זיך ווענדענדיג צו די אידען האט ער מיט רציחה א געשרעה געטהון: „איך גיב אייך צייט דריי טעג, צו שאפען פאר מיר און פאר מיינע כלאפצעס (יונגען), דריי הונדערט טויזענט רובעל, אויב איהר וועט ביז יענער צייט דאס געלט ניט שאפען, וועל איך אלע זשידעס ווי די שאף אויסקוילען".

די היסטאריע פון טאראשטשע

מיט דיזע ווערטער איז ער אוועק פון דער אופראווע, איבערלאזענדיג די אידישע דעלעגאציע אין פארצווייפלונג און אנגסט.

די דריי טעג זיינען פאריבער, העלפט פון דער סומע האבען די אידען, מיט צרות צונויפגעגומען און אוועקגעטראגען צום באנדיט, מיט הכנעה איהם געבעטען, זיי באוויליגען נאך דריי טעג און זיי וועלען צונויפנעמען די מותרות (באלאנס). זשעליעזניאק איז געווען אזוי „גנעדיק", די געבעטענע צייט באוויליגען, האט ער געהייסען דעם באלאנס איבערגעבען זיין פאמאשטשניק (געהילפע) דער קארדענער באנדיט יאצענקא'ן.

די לעזער געדענקען נאך ווארשיינליך דעם יונגען אינטעליגענטען פויער, פון קארדענע — יאצענקא'ן, וועלכער איז מיט זיין באנדע באפאלען טאראשטשע, און איז פארטריבען געווארען פון א באלשעוויסטישען אטריאד, יאצענקא, האבענדיג א קליינע באנדע, האט ער זיך אויסגערעכענט, אז עס וועט איהם לוינען בעסער, זיין א פאמאש־טשניק פון א גלאוואר פון א גרויסער באנדע, איידער זיין א פיהרער פון א קליינע באנדע, און ער איז געווארען א פאמאשטשניק צום גלאוואר זשעליעזניאק.

ווי געזאגט, האט יאצענקא געוואהנט אין קארדענע, א גאנצען טאג איז ער געווען אין שטאדט, מיט זיין עלסטען — זשעליעזניאק'ן, אויף דער נאכט פלעגט ער פאהרען אהיים, קיין קארענדע, רייטענדיק אויף זיין פערד. א געוויסען אווענט, ווען ער איז געפאהרען אהיים, זיינען איהם באפאלען באלשעוויקעס, אראפגעשלעפט פון פערד, און מיט איהם פארשוואונדען.

געוואהר ווערענדיג פון דיזען פאל, האט זשעליעזניאק ארויסגעגעבען א באפעהל צו די אידען: „אויב זיי וועלען איהם ניט צושטעלען „זיין מענשען", א לעבעדיגען צוריק, וועט ער אלע זשידעם פון שטאדט אויסקוילען.

ווער ווייסט, ווי די אידען פון שטאדט וואלטען אפגעשניטען, ווען קיין טאראש־טשע קומט ניט אן דער באוואוסטער „זעקסטער באלשעוויסטישער פאלק", וועלכער האט גע'שם'ט אלס איינער פון די בעסטע פאלקען אין דער גאנצער צענטראלער ארמיי. באלשעוויסטישע שונאים האבען געהאלטען פאר געזונטער, זיך ניט טרעפען מיט דיזען פאלק. זשעליעזניאק האט אויך געפונען פאר געזונטער פאר איהם און זיינע באנדיטען, ניט ווארטען אויף דעם באלאנס, וואס ער דארף נאך קריגען, אויך ניט, מען זאל איהם ברענגען „זיין מאן", איז אוועק מיט דער באנדע קיין סטאווישטש, דרייסיג ווארסט פון טאראשטשע, וואו ער האט אויסגעלאזט זיין טריפה רציחה צו די דארטיגע אידען, עטליכע הונדערט אויסגע'הרג'עט, אויסגערויבט, וואס נאר זיי האבען געקאנט, און וואס מען האט ניט געקאנט נעהמען מיט זיך, האבען זיי פארברענט, אדער צושטערט און געמאכט חרוב.

די באלשעוויקעס, וואס האבען געכאפט דעם קארדענער באנדיט, יאצענקא'ן, האבען ניט געמאכט מיט איהם קיין סך שהיות, האבען אויך ניט גערופען צו איהם קיין פראוואסלאווני גלח, איהם באגלייטען מיט תפילות אין דער „אמת'ער וועלט", נאר פארציהענדיג א שטארקען שטריק איבער זיין האלדז, אויף א בוים, האבען זיי איהם געשיקט צו זיין פריינד גריביענקא'ן, מיט וועלכען זיי האבען צוזאמען געענדיגט די טאראשטשער גאראדקאיע אוטשילישטשע.

אידען אין טאראשטשע האבען זיך א ביסעל בארוהיגט, זיי האבען געוואוסט, אז אונטער די פליגלען פון זעקסטען באלשעוויסטישען פאלק זיינען זיי פאלקאמען זיכער, ליידער, האט זייער רוהע ניט לאנג אנגעהאלטען . . .

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

קאפיטעל 26.

חברה אחיעזר.

מיר וועלען אויף א קורצער צייט איבעררייסען די ערצעהלונגען, וועגען מערדער, רוצחים, באנדיטען, וואס האבען טעראריזירט אונזער שטעדטעל, מיר וועלען אויף א שטיקעל צייט איבערציהען א פארהאנג, אויף די בלוטיגע סצענעס און שוידערליכע פאסירונגען, אין אונזער שטעדטעל און ערגעץ אנדערש, מיר וועלען וויזען „אונזערס" א בילד, א אידיש בילד, א בילד פון „מענשליכקייט", מיר וועלען באשרייבען אן עפיזאד, וואס וויזט ארויס דאס „מענשליכעס" אין מענשען, דאס זעלבסט אפפערונג פאר'ן צווייטען, פאר'ן מיטמענשען . . .

איהר האט געזעהן בילדער פון אונמענשליכקייט, בילדער, ווי מענשען קאנען זיך פארוואנדלען אין בלוט דורשטיגע חיות. מיר וועלען אייך ציינען א צווייטען בילד, א בילד פון אנדערען צד, פון „אידישען" צד, פון אונזער אייגענעם צד, דאס בילד וואס איך וועל פאר אייך אויפוויקלען איז זעהר טרויעריג, אבער צו דער זעלבער צייט זעהר און זעהר מענשליך, און מיר מעגען שטאלצירען, דאס פון אונזער ארעם שטעדטעל טאראשטשע איז דאס בילד גענומען געווארען . . .

אין די גרויסע לײדען פון די פאגראמען, אין דער שרעקליכער צייט, וואס אונזער טאראשטשע האט איבערגעטראגען, פון די אלער האנט באנדיטען, פעריעכאדען, הריגות, פארשידענע אנדערע שלעק, האבען די דארטיגע אידען ניט געקאנט טראכטען, זארגען וועגען א צווייטען, מען איז געווען צופיעל פארנומען מיט'ן אייגענעם „איך", ווי אזוי רעטעט מען דאס אייגענע לעבען, ווי אזוי פארהיט מען די אייגענע סעמיסטווע (פאמיליע) פון טויט, פון אונטערגאנג, מען האט ניט געקאנט זיך אומקוקען אויפ'ן צווייטען, ווי אזוי יענער לעבט, יעדען איינעם האט זיך געדאכט, אז „איהם איז ערגער פון צווייטען, דער צווייטער איז ניט אזוי אומגליקליך, ווי „ער", נאר קיים איז אין שטאדט געווארען א ביסעל רוהיגער, אונטער דעם שוץ פון דעם באלשעוויסטישען „זעקסטען" פאלק, האט די אידישע באפעלקערונג אנגעהויבען, זיך ארומקוקען אויף די' קרבנות, חורבנות, וואס די פאר יאהר אינוואזיעס, פעריעכאדען, באנדיטען, וואס דאס אלעס האט געקאסט דעם אומגליקליכען שטעדטעל, און ערשט האט מען געהאט צייט צו איבערעכענען, וואס די פאר יאהר האבען אפגעקאסט, ניט נאר אין דער צאהל פון טויטע, נאר אין דער צאהל פון לעבעדיגע, וואס זיינען געווען נאך ערגער פון טויטע : די טויטע ליגען שוין אין די קברים און מען דארף שוין פאר זיי ניט זארגען. אבער וואס טהוט מען מיט די לעבעדיגע, פיעל פארוואונדעטע, פארקריפעלטע, אלטע, קראנקע, יתומים, וועמעס עלטערען זיינען אויסגעשטארבען, אדער דער'הרג'עט גע־ווארען ? אלע שמאכטען נאך א שטיקעל ברויט, כאטש איין מאהל אין טאג, א שיטערער קרופניק, כאטש איין מאהל אין צוויי, דריי טעג, עס איז געווען א שווערע פראבלעם פאר'ן ארעמען רוענירטען, חרוב'ען שטעדטעל.

מען האט אנגעהויבען טראכטען, קלערען, וואס צו טהון ? און עס איז געבלי־בען, אז די גאנצע שטאדט זאל גרינדען א חברה, וואו די גאנצע אידישע באפעלקע־רונג זאלען זיין אין דער חברה מיטגלידער, און יעדער איינער זאל ביישטייערען, וואס נאר ער, אדער זי קאן, יעדער איינער, וואס קאן נאר פלאנטען מיט די פיס, וואס קאן נאר ארומגעהן, זאל העלפען דעם צווייטען, וואס קאן שוין ניט געהן, וואס קאן שוין

ניט די פיס שלעפען, זאָל העלפען מיט אַ פּאָר גראָשען, אויב ער קאָן, אָדער קריגען פון יענעם, וואָס קאָן די פּאָר גראָשען געבען, אַ נאָמען האָבען זיי געגעבען דער חברה זעהר אַן איינפאַכען, באַשיידענעם, אָבער וואָס האָט זעהר אַסך געמיינט, זיי האָבען גערופען די חברה „אחיעזר“ (ברידער הילפע), און ווי אמת'ע ברידער זיינען זיי געווען איינער צום צווייטען, אמת'ע אחים לצרה . . .

די נויט אין שטעדטעל איז געווען די שרעקליכסטע, וואָס מען קאָן נאָר זיך פאַרשטעלען, ווען מען זאָגט, אַז מענשען זיינען בוכשטאַבליך אויסגעגאַנגען פון הונגער, איז דאָס געווען ניט קיין מליצה, נאָר דער פולער זין פון וואָרט, אַ טויזענט פּאַכיגער אמת. די מיטגלידער האָבען ניט געהאַט קיין קוועלע, קיין מיטלען, זיי האָבען גע־דאַרפט שאַפען אַ „יש מאין“ (אַ זאַך פון גאָרניט), דאָס איינציגע וואָס זיי האָבען פאַרמאָגט, איז געווען דער „שטאַרקער ווילען“, קיין נגידים זיינען אין שטאָדט ניט געווען, געוועזענע נגידים, זיינען די יעצטיגע נויטבאַדערפטיגע, פון קרובים, פריינד אויסלענדערשע אָרגאַניזאַציעס, האָט מען קיין הילף ניט געקאָנט קריגען, ווייל די פאַרבינדונגען מיט אויסלענדער זיינען געווען איבערגעריסען. אָבער . . . „אין מפּני רצון“, קיין זאַך קאָן ניט אָפּהאַלטען, דאָרט וואו עס איז דאָ אַ ווילען, און וואו עס איז דאָ אַ „ווילען“, דאָרט איז אויך דאָ אַ „וועג“, און דעם וועג האָט אחיעזר געפונען : עס האָבען זיך איינגעשפּאַנט אין וואָגען פון אחיעזר כמעט דאָס גאַנצע שטעדטעל, יעדער עס איז נאָר געווען אין שטאַנד, עפּעס טהון פאַר אַ צווייטען, פאַר אַ שוואַכערען און מעהר נויטבאַדערפטיגען פון זיך.

מיט'ן לעצטען שטיקעל ברויט האָט מען זיך געטיילט מיט'ן צווייטען, מיט'ן לעצטען לעפעל גרויפּען, מיט'ן לעצטען קאַרטאָפעל, האָט מען זיך געטיילט מיט'ן שכן, עס איז געוואָרען דער גרעסטער פאַרברעכען פאַר איינעם, עסען צו זאַט, ווען דער צווייטער האָט גאָר ניט, מען האָט געבראַכט צו אַ קראַנקען אַ דאָקטאָר, אָדער אַ רופא, אויב מעגליך, האָט מען אויך געקראָגען אַ רעצעפּט, קיין זאַך איז ניט געווען שווער פאַר אַ מיטגליד פון אחיעזר, צו טהון עפּעס פאַר'ן נויטליידענדען, אויב עס איז נאָר געווען אַ מעגליכקייט.

ווי שווער עס איז געווען פאַר אחיעזר צו אַרבייטען פאַר די ליידענדע, איז נאָך פיעל מאָהל שווערער געוואָרען די אַרבייט, ווען אין שטאָדט האָט אויסגעבראָכען די קראַנקהייט — טיפוס. אחיעזר האָט אָוועקגעשטעלט אַ באַראַק־קליניק, פאַר די טיפוס קראַנקע, צו האַלטען זיי אָפּגעזונדערט פון אַנדערע קראַנקע, און אויך פון די געזונטע. מען האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשייד פון איד צו קריסט, פון טאַראַשטשער, צו פון אַן אַנדער שטאָדט, מען האָט געבראַכט קראַנקע פון סטאַוויטש, קאָשאָוועטע, ראָקיטנע, און אַנדערע שטעדטלאַך, מען האָט אַריינגענומען יעדען, אָדער יעדע, אָהן שום פראַגעס.

מיט אומבאַשרייבליכע אַנשטרענגונג, מיט אונגעהויערע אָפּפערוויליגקייט, האָט אחיעזר געאַרבייט, אַרום די קראַנקע, מיט זעלטענע עקשנות האָבען די מיטגלידער געקעמפפט מיט דער קראַנקהייט, האָבען ממש מיט די נעגעל אַרויסגעריסען די טיפוס קראַנקע פון טויט, זיי האָבען אָבער געקראָגען אַ טייערע באַלאָהנונג פאַר זייער אונער־מידליכע אַרבייט : פון זייער באַראַק האָט מען קיין איין טויטען ניט אַרויסגעטראָגען, 150 קראַנקע זיינען איבער געווען אין באַראַק, אין דער צייט, וואָס ער איז געווען אָפען, און ניינציג פּראָצענט זיינען אַרויס פאָלקאָמען געקיורט, ליידער האָט דער באַלשעוויסטישער פאָלק געמוזט אַוועק פון שטאָדט, עס איז ווידער געוואָרען

אומרוהיג, עס האבען זיך ווידער באוויזען באנדעס, און מען האט געמוזט דעם באראק שליסען.

יעדער מיטגליד פון אחיעזר האט געארבייט זעהר טיכטיג, באזונדערס האבען זיך אויסגעצייכענט, לויט דער שרייבער פון באריכט האט אונז געמאלדען, פאלגענדע לאנדסלייט: יוסף חאנאפאפאלסקי, איינער חיים סאנדלער, און א יונגער בחור, וועמען מען האט גערופעןביים אידישען נאמען — פאלעק, — דער לעצטער איז גע'הרג'עט געווארען פון א באנדע, כ"ג סיון, תרפ"א, (חודש יוני, 1921).

דעם באריכט האט מיר צוגעשיקט דער געוועזענער סעקרעטער פון אחיעזר, און שפעטער — סעקרעטער פון טאראשטשער אידישער קאלאני, — א לאנדסמאן מיט'ן נאמען גארבאטשינסקי. געוואהר ווערענדיג, אז מיין וויינינגקייט שרייבט א היסטארי פון טאראשטשע, האט לאנדסמאן גארבאטשינסקי מיר צוגעשיקט דעם זעהר אינטע־רעסאנטען באריכט, מיט א צושריפט, אז ער גלויבט, אז די אויפטהוענגען פון אחיעזר, דארפען פאראייביגט ווערען אין דער היסטארי פון טאראשטשע. מיר טוהען דאס זעהר גערן, און דאנקען דעם געוועזענעם סעקרעטער גארבאטשינסקי'ן פאר'ן זעהר אינטערעסאנטען באריכט.

קאפיטעל 27.

טאראשטשער אכראנא (זעלבסטשוץ).

נויט, אומגליק, באזונדערס אלגעמיינער אומגליק, צרות כלליות, צרות רבים, רופען ארויס ביים יחיד, ווי ביים רבים, געפיהלען, וואס אין געוועהנליכע צייטען שלא־פען זיי, אין א עת צרה — ערוואכען זיי, און דאס קלייניקע, דאכט זיך, שוואך, פלאט־שיק, שטיל, מענשעלע, ווערט א העלד, גרייט אויף קרבנות, פאר'ן יחיד, ווי פאר'ן רבים, אזוי דער יחיד, אזוי דער כלל. די שרעקליכע נויט אין טאראשטשע האט ארויס־גערופען די גרינדונג פון „אחיעזר", די שרעקליכע טיפוס קראנקהייט האט ארויס־גערופען דעם אומבאשרייבליכען קאמפף פון אחיעזר מיט דעם טויטליכען טיפוס, און אייך דעם גרויסען נצחון איבער דער קראנקהייט, איבער דעם טויט זעלבסט...

ווי געזאגט, איז דער באלשעוויסטישער פאלק אוועק פון טאראשטשע, ווייל מען האט איהם געדארפט אנדערש, וואו די מאכט האט געדענקט, אז מען דארף איהם בעסער דארט, טאראשטשע איז ווידער געבליבען אומבאשיצט, און באנדעס האבען אנגעהויבען זיך ווייזען.. טאראשטשע איז געווען ארומגערינגעלט מיט וואלד, בערג, טאהלען, האבען זיך אויפגעהאטלען פארשידענע באנדעס אסך לענגער, ווי אין פלאכע ערטער, זוען דער באלשעוויסטישער פאלק האט זיך געפונען אין שטאדט, האט ער פארטריבען, פארניכטעט, אויסגעראטען די גרעסערע באנדעס, עס זיינען אבער גע־בליבען קליינע שייקעס, גענגס, איינצעלנע באנדיטען, פון שטאדט גופא, אדער פון די דערפער ארום, וואס האבען זיך אנגעהויבען ווייזען אין שטאדט, קוים האט דער פאלק זיך אפגעצויגען.

אזא צושטאנד האט געצוואונגען טאראשטשער אידען, צו גרינדען א זעלבסט־שוץ (אכראנא), צו וועלכער מען האט גערעפטעט, אדער עס האבען זיך אליין גע־דרעפטעט, יעדער מאנספערזאן, פון אכטצעהן יאהר ביז פערציג: א שטרענגע דיסצי־פלין האט געהערשט אין דער אכראנא: יעדען אווענט האט מען צושטעלט אכראני־

טאראשטשער זעלבסט שוץ (אכראנא)

קעס, אין שטאָדט און אונטערען שטאָדט, אויף די וועגען, שליאַכען, ווינקלען, פון וואַנען מען האָט געקאָנט ערוואַרטען קלענערע, אָדער גרעסערע באַנדעס, די אָבראַניקעס זיינען געווען באַוואָפענט מיט ביקסען, רעוואָלווערען, שטיקעס, אפילו עטליכע פערד האָט די אָבראַנאַ געהאַט, פאַר שנעלע קאָמוניקאַציע, און טאָקע, זינט מען האָט די אָבראַנאַ איינגעפיהרט, איז די שטאָדט געווען, מעהר אָדער ווייניגער, זיכער, פון איבערפאַלען. מיר וועלען נאָך שרייבען פון „טאָראשטשער זעלבסטשוץ", ווען מיר וועלען קומען צו די קאַפּיטלען, וואָס „טאָראשטשע" פון אַמעריקא האָבען איינגעטהאָן פאַר דער טאָראשטשע פון אוקראַינע.

ווי געזאָגט, איז טאָראשטשע געווען זיכער קעגען קליינע באַנדעס, אָבער אונטערען שטאָדט, אויף די וועגען, אויף די שליאַכען איז מען גאָר נים געווען זיכער. דער הויפּט פאַרקער האָט די שטאָדט געהאַט מיט דער באַן סטאַנציע אָלשאַניצע, אויף יענעם וועג האָבען באַנדיטען געמאַכט אָפט גאַליאַטען (איבערפאַלען) אויף די פּאַסאַזשירען, וואָס זיינען געפאָהרען, צום און פון, באַן, זיי באַרויבען און אויך הרג'ענען. איינצעלנע איזוואָשטשיקעס האָבען נים געוואָגט פאָהרען אַליין, מיט זייערע פּאַסאַזשירען, און פלעגען פאָהרען אַלע צוזאַמען, און ווען פון דער מאַכט איז יעמאַנד געפאָהרען צום באַן, האָט איהם באַגלייט אַ קאָנוואָי פּאָליציסטען, דאָס זעלבע איז געווען, ווען פון אָבראַנאַ האָט מען געדאַרפט צום באַן, פלעגט אויך מיטפאָהרען אַ קאָנוואָי פון אָבראַניקעס.

די באָלשעוויסטישע מאַכט, וואָס האָט שוין צו יענער צייט געהערשט אין גאַנץ רוסלאַנד, איז געווען זעהר צופרידען מיט דער אָבראַנאַ, ווייל די פּאַרטייען האָבען נאָך געהאַט אַסך אויסלענדערשע, און אינלענדערשע געגנער, קעגען וועלכע זי האָט געפיהרט קריעג און זי האָט נים געקאָנט צושפּליטערען איהרע קרעפטען, צו האַלטען גרעסערע, אָדער קלענערע אָטריאַדען, צו באַשיצען די אידישע שטעדטלאַך, פון די באַנדעס, האָבען אָבער גערן געהאָלפען די אָבראַנאַס מיט אַמוניציע, לעהרער און אויך מיט קליינע סומען געלד.

קאַפּיטעל 28.

עטליכע ווערטער וועגען די פאָטאָגראַפיעס און דער היסטאָרי.

אין יעצטיגען טייל היסטאָריע — „איבערלעבונגען אין טאָראשטשע", געפינען זיך צוויי זעהר אינטערעסאַנטע פאָטאָגראַפיעס, — פון טאָראשטשער זעלבסטשוץ, טראַקטאָר און טאָראשטשער קאָלאָני, ביידע געגענשטענדע האָבען אין זייער צייט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף טאָראשטשער אידישען לעבען. אין ערשטען טייל היסטאָרי האָבען מיר געהאַט עטליכע פאָטאָגראַפיעס, מיר זיינען שולדיג אַ דאַנק און אנערקענונג די יעניגע, וועלכע האָבען גורם געווען, אונזער היסטאָרי זאָלען זיין באַצירט מיט די אינטערעסאַנטע פּיקטשורס, אָהן וועלכע די היסטאָרי וואָלט אויסגעקוקט, ווי אַ „מאכל — אָהן זאַלץ".

די מייסטע צאָהל פּיקטשורס האָט אונז צוגעשיקט אונזער לאַנדסמאַן יוסף האָנאָפּאָלסקי, די פאָטאָגראַפיעס פון די מנהיגי און תלמידי תלמוד תורה האָט אונז אויסגעבאָרגט אלמנה פּאָטאַשניק, די פאָטאָגראַפיע פון טראַקטאָר און טאָראשטשער קאָלכאָז האָבען טאָראשטשער קאָלאָניסטען צוגעשיקט צו דר. ראָזין, אַגראָזשוינט



טאראשטשער טראקטאר און קאלכאז (קאלאני)

דירעקטאָר פון קרימער קאָלאָניס, אַלס אַנערקענונג, פאַר דעם טראַקטאָר, וואָס דער דזשוינט האָט צוגעשיקט קיין טאָראַשטשע, וועלכעס האָט געמאַכט מעגליך, צוויי הונדערט נפשות זאָלען האָבען זייער חיונה ביי דער קאָלאָני. דר. ראָזין האָט די פאָטאָגראַפיע צוגעשיקט צום סעקרעטער פון דזשוינט — יוסף הייטאַן, און זיין שרייבער, מיין ווייניגקייט, דורך וועמעס איניציאַטיווע דער טראַקטאָר איז געשיקט.

עס איז אָבער ווייניג געווען, בלויז צו האָבען פאָטאָגראַפיעס, אום די פאָטאָגראַפישע בילדער זאָלען זיין געדרוקט אין דער היסטאָרי, האָט זיך געפאָדערט „קאָסט־גרעווירונגען", פון די פאָטאָגראַפיעס, — אַן עקפּענס פון עטליכע צעהנדליגע דאָלאַרס, און דאָס איז געווען אַ פינאַנסיעלע שוועריגקייט פאַר דעם שרייבער פון דער היסטאָרי, אָבער פאַרדאַנקענדיג דעם יונגען מר. לוי גאָלאָב, דער זון פון אונזער לאַנדסמאַן, און רעקאָרדינג סעקרעטער, פון טאָראַשטשער פּראָגרעסיווע סאָסייעטי, איז די שוועריגקייט באַזייטיגט געוואָרען: דער יונגער מר. לוי גאָלאָב, ניט קיין מיטגליד פון אונזער אָרגאַניזיישאַן, ער האָט קאָנטריביוטעט אַלע קאָסט פון די פאָטאָגראַפיעס. האָט נאָך יעמאַנד מיטגעהאָלפען „מאַטעריאַלע אָדער מאָראַלע"? זאָלען זיי זיך זעלבסט פרעגען. ווי זאָגט זיך ערגעץ: „ודי להכימה ברמיזא" . . . מיר וועלען פאָרטזעצען אונזער היסטאָרי, מיט די ווייטערע פּאַסירונגען אין אונזער שטעטעל . . .

קאַפּיטעל 29.

אַ הריגה אונטער טאָראַשטשע.

נאַטשאַלניק פון טאָראַשטשער אָכראַנאַ איז צו יענער צייט געווען אַ יונגער בחור, נאָך קיין צוואַנציג יאָהר אַלט, איינער חיים ספּיצינעצקי (אונזער לאַנדסמאַן׳ס יעקב פעלדבאָרג׳ס אַן אייניקעל), ווי יונג דער ספּיצינעצקי איז געווען, אַזוי איז ער געווען פול מיט מעלות: געענדיגט אַ גימנאַזיע, אַ גוטער רעדנער, קלוג, בראַוו, מוטהיג, געהאַלטען די אָכראַנאַ אין אַ מוסטערהאַפטער דיסציפּלין, ער איז ווי געבאָרען געוואָרען צו קאָמאַנדירען. די גאַנצע שטאָדט האָט דעם יונגען ספּיצינעצקי׳ן געליעבט און געאַכטעט, די אָכראַנניקעס האָבען זייער קאָמאַנדיר פּשוט פאַרגעטערט, און יעדער איינער וואָלט פאַר זיין נאַטשאַלניק דעם קאָפּ אַוועקגעלייגט.

דער נאַטשאַלניק האָט געדאַרפט זיין אין קיעוו, וואו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב (הויפּט אָפיס) פון דער אָכראַנאַ, פון גאַנץ קיעווער אָקרוג (קרייז), און ספּיצינעצקי, אין דער באַגלייטונג פון עטליכע אָכראַנניקעס, זיין געפאָהרען קיין אָלשאַניצע, צו דער באַן סטאַנציע, פון וואַנען ער וועט פאָהרען מיט דער באַן קיין קיעוו. אונטערן דאָרף באַקון, אַכט ווייאָרסט פון טאָראַשטשע, זיינען די אָכראַנניקעס איבערפאַלען געוואָרען פון עטליכע צעהנדליגע רייטערס אויף פערד, וועלכע האָבען געעפענט אויף זיי אַ שרעקליכען פייער, עס זיינען גראָדע אָנגעפאָהרען עטליכע טאָראַשטשער איזוואָשטשיקעס פון דער סטאַנציע, וועלכע זיינען אויך פאַרכאַפּט געוואָרען פון דער שיסעריי, מאַנכע איזוואָשטשיקעס איז געלונגען זיך ראַטעווען פון פייער, דורך שנעלען אַנטלויפען, און אַנדערע פּאַסאַזשירען, מיט די איזוואָשטשיקעס, ווי אויך אָכראַנניקעס, זיינען דערשאָסען געוואָרען, דרייצעהן קרבנות זיינען געבליבען טויט, פון די אָכראַנניקעס זיינען צוויי, דורך אַ נס געבליבען לעבען, און דאָס זיינען דער נאַטשאַלניק, ספּיצינעצקי און אַ יונגערמאַן — נאָוואָגרעבעלסקי, וואָס איז יעצט אַ יוריסט אין סאָוויעט

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

רוסלאַנד, איין אַפּיציר פון די רייטערס האָט אין די צוויי דערקאַנט זיינע שוהל חברים (סקוהל קאַמעראַדען) האָט ער זיי אַרויסגעפּיהרט פון פייער און געהייסען אַנטלויפען.

אין טאַראשטשע איז מען געוואָהר געוואָרען פון דער הריגה, עס זיינען צום הריגה פּלאַץ אַרויסגעפאָהרען אַכּראַניקעס, און אַנדערע אידען, פון די איבערפּאַלער האָט מען שוין קיינעם ניט געטראָפען, דרייצעהן אידישע הרוגים זיינען געווען צו וואָרפען איבער דער הריגה פּלאַץ.

מיט אומבאַשרייבליכען וועהטאָג און צער האָט מען געבראַכט די קדושים אין שטאָדט, און אַרויפגעפיהרט אויפ'ן בית הקברות. איידער מען האָט זיי געבראַכט צו קבורה, האָט מען זיי אַלע פאָטאָגראַפירט, אונטער די קלאַנגען פון יאָמער און געוויין.

די הריגה איז געשעהן דריי און צוואַנציג טאָג אין חודש סיון, 1921.

דער הימעל האָט זיך פאַרוואָלקענד, אַ דראָכנינקער רעגענדעל, האָט ווי טרערען, געגאָסען אויף די טויטע און לעבעדיגע, עס האָט אויסגעזעהן, ווי די נאַטור האָט באַוויינט די טויטע און אויך די לעבעדיגע, פון „צער'עדיגע״ שטעדטעל.

דאָס זיינען די נעמען פון די קדושים :

העלוועל מאַיבארד, זיבציג יאָהר אַלט, אַ אידישער למדן און געלערענטער.
פישעל שינקאַראַוו, ניין און פופציג יאָהר אַלט, אַ זעלטענער חכם, געלערענט.
יקותיאל חייטין, צוויי און פופציג יאָהר אַלט, זעהר אַ פרומער.
משה דוכאָווני, הערשעל, חנא וועלוועל'ס זוהן, דריי און צוואַנציג יאָהר אַלט, הייך, געלערענט אין דער אַלטער און נייער אידישער וויסענשאַפט און ליטעראַטור.
לייזער אַסטראָווסקי, פינף און צוואַנציג יאָהר אַלט.
צוויי ברידער לישניעוו, געפאָהרען צו קרובים, און געפונען דעם טויט.
אַ פרעמדע פרוי און אַ קינד.
פיער יונגע אַכּראַניקעס.

מיר בויגען אונזערע קעפּ, צו עהרע פון דיעזע קדושים, פונקט ווי פון אַנדערע קרבנות, וואָס זיינען געפאַלען אויפ'ן מזבח פון שנאה, ראַסענהאַס, און בעסטיאַלישע פאַרדאָרבענהייט, און זאָגען : „חבל על דאבדין — ולא משתכחין״.

ספּיציניצקי, דער יונגער נאַטשאַלניק פון דער אָכראַנאַ, וואָס האָט זיך, ווי דורך אַ נס, געראַטעוועט, האָט ליידער ניט לאַנג איבערגעלעבט די פּאַסירונג : דער שרעקליכער טויט פון די דרייצעהן אידישע נפשות האָט איהם זעהר צובראָכען, ער האָט אָנגעהויבען קרענקען, און מיט אַכט חדשים נאָך דער טרויעריגער פּאַסירונג, צוואַנציג טעג אין חודש שבט, 1921, איז ספּיציניצקי געשטאָרבען, וועהרענדיג באַוויינט פון דער גאַנצער טאַראשטשער אידישער באַפעלקערונג. די שטאָדט האָט געשטעלט דעם באַליבטען יונגען נאַטשאַלניק אַ פּראַכטפולען מאָנומענט, וואָס ווערט באַוואונדערט פון יעדען, וואָס קומט אויף דעם בית הקברות.

פון דיזער טרויעריגער פּאַסירונג האָט אונז געמאָלדען הערש דוכאָווני, דער פאָטער פון הרוג — משה דוכאָווני, און בעט, אויב מעגליך, געבען פּלאַץ אין דער היסטאָרי טאַראשטשע, פאַר דיזער שרעקליכער פּאַסירונג, און זאָלען די נעמען פון די קדושים פאַרבלייבען לזכר עולם אין דער היסטאָרי פון אונזער שטאָדט.

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

קאפיטעל 30.

צושלאגען דעניקין'ס ארמייע.

נאך דער שרעקליכער הריגה פון די דרייציהן טאראשטשער אידען, אונטערען דארף באקון, האט קיין באזונדערס אין שטאדט ניט פאסירט, אויף וויפיעל מען האט געקאנט, איז מען אנגעגאנגען „אומשטיינס געזאגט" מיט די אויך מיר געשעפטען, מען האט געהונגערט גאר אויפ'ן גרויסען שטייגער, מען האט שטיל געטראגען די שווערע פעק מיט צרות, און זיך געטרייסט, אז עס קומט ביסלאך ווייס אן ענדע צו די רציחות, הריגות און רויבערייען, די באנדעס האט מען ביסלאך ווייס אויסגעראטען, אדער זיי האבען זיך אליין אויסגעראטען, איינע די צווייטע פארניכטעט. דער אידישער זעלבסטשוץ ארבייט טיכטיג, שטעהט אויף דער וואך, לאזט קיין שייקעס ניט אריין, און די קליינע איינצעלנע שטאדטישע באנדיטען, די „פלעדערמייז", ווי מען האט זיי גערופען, לאזט זי דעם קאפ ניט אויפהויבען. יעדען אווענט ווערען פאטראליען צושטעלט, אויף די פונקטען, פון וואנען מען קאן ערווארטען נאליאטען. אין אוקראינע בכלל איז נאך ניט פאלקאמען רוהיג, ניט אלע געגנער פון באלשעוויסטישען רעזשים האבען זיך אונטער געגעבען, עס ברעכען נאך אויס סטיטשקעס, צווישען די צדדים, פארטייען, רעזשימען, אבער אין טאראשטשע איז, פארהעלטענסמעסיג, רוהיג, עס איז אבער באשערט געווען, טאראשטשע זאל איבערלעבען נאך איין פאגראם, דעם גרעסטען, וואס זיי האבען ווען עס איז געהאט, דעם פאגראם האט פאראהזאבט איינער פון דעניקנס פאלקען, און געקומען איז דער פאלק קיין טאראשטשע, ניט פלאנירט, ניט רעכענדיג אפילו, צו זיין אין טאראשטשע, ווי איהר וועט ווייטער לעזען.

דעניקין'ס ארמייע האט געפיהרט א ביטערען קריג מיט דער באלשעוויסטישער ארמייע אין קיעוו, וואו די רעזשימען פוןביידע מעכטע האבען געדארפט אויסגעפאכטען ווערען. דער שיקזאל פון ווייטערע באהערשונג פון אוקראינע, און פיליכט פון גאנץ רוסלאנד, האט אפגעהאנגען פון דעם אויסגאנג פון דיזער שלאכט, וואס פאר א צד וועט די שלאכט געווינען. דעניקין'ס ארמייע איז געווען שטארק געדריקט פון די באלשעוויסטישע מיליטער, און זי האט געמוזט האבען שנעלע פארשטארקונג, דעניקין'ס שטאב האט איהר צוגעשיקט א פאלק דעניקינצעס, פארשטארקונג, קומענדיג קיין אלשאניצע, פון וואנען זיי האבען געדארפט שנעל פאהרען קיין קיעוו, אבער וויסענדיג, אז עטליכע און צוואנציג וויארסט פון דער באן סטאנציע געפינט זיך א גאראד, מיט עטליכע טויזענט אידישע איינוואהנער, האבען די „צאריסטישע פאטריאטען", ניט געקאנט ווידערשטעהן דעם נסיון, זיך ניט אראפכאפען קיין טאראשטשע אויף א טאג, צו צוויי, אויס'הרג'ענען אידען — די קריסטען שונאים, — וויפיעל עס וועט זיך לאזען, זיך אנזעטיגען מיט בלוט און גוטס, פון צאר'ס שונאים, און דאן וועלען זיי, מיט א גרינג הארץ זיך לאזען קיין קיעוו, זיך אפרעכענען מיט די באלשעוויקעס. די צוויי טעג, וואס זיי האבען פארשפעטיגט, האט, מעגליך, ענטשידען דעם אויסגאנג פון דער מלחמה : דעניקינס מיליטער, ניט באקומענדיג קיין פארשטארקונג, האט געליטען א נידערלאגע, זיינען אנטלאפען פון שלאכט פעלד, און דער פארשפעטיגטער פאלק איז אויך אנטלאפען, זיך שעצענדיג גליקליך, וואס די באלשעוויקעס יאגען זיי ניט נאך . . . און יעצט וועלען מיר זיך אומקערען קיין טאראשטשע, וואו עס איז פארגעקומען די בלוטיגע פאסירונג.

די היסטאריע פון טאראשטשע

קאפיטעל 31.

דער „שווארצער פרייטאג".

עס איז געווען א געוויסער פרייטאג, חודש אלול, ווען דער פאלק דעניקינצים האט געלאזט די מלחמה מיט די באלשעוויקעס אויף שפעטער, און איז פון אלשאניצע געקומען קיין טאראשטשע.

אין דער קריסטליכער וועלט איז דא אן עפיזאד פון א פרייטאג, וועלכען די קריסטען פון דער גאנצער וועלט רופען אויף זייערע שפראכען: „שווארצער פרייטאג", ענגליש שפרעכענדע רופען דעם פרייטאג — „בלעק פריידעי", די קריסטען רעכענען, אז דיזען פרייטאג האט מען געקרייציגט זייער גאט — יעזוס קריסטוס, מיר ווילען דעם פרייטאג, וואס דעניקינס פאלק איז געקומען קיין טאראשטשע אויך רופען: — „שווארצער פרייטאג": — שווארץ און פינסטער איז דער פרייטאג געווען פאר די אידען פון דעם אומגליקליכען שטעטעל . . .

מיט מוזיק, באראבאנעריי, קלאפעריי, שיסעריי, איז דער פאלק אריין אין שטאדט, פאראוים האט מען געטראגען א גרויסע זנאמיא (פלעג), מיט'ן גוט באקאנטען אין יענער צייט צו יעדען רוסישען אידען — סלאגאן (פסוק), וואס איז געווען אן אויפשריפט: „בעי זשידאוו, ספאסאי ראסיוו!" (שלאג אידען, ראטעווע רוסלאנד).

דערהערענדיג די מוזיק, דאס באראבאנען, דאס שיסעריי, קאנענדיג די רעפוטאציע פון דעניקינצים, נאך פון דעם ערשטען מאהל, ווען דעניקינס א פאלק איז מיט א צייט צוריק געווען אין טאראשטשע, האבען די אידען אנגעהויבען לויפען אין אלע זייטען, זוכענדיג א רעטונגס פלאץ, ווער עס איז געלאפען צו באקאנטע קריסטען, זוכען שוץ, באהעלטעניס, ווער אין וואלד, פעלד, גריבער, בית עלמין, קעלערען, בוידעמער, און ווער עס איז געבליבען אין הויז, מיט א תהלים'על אין האנט, און בטחון אין הארצען, אז גאט איז א פאטער, וועט העלפען, וועט ניט פארלאזען זיינע קינדער, זיין פאלק ישראל.

דער פאלק האט זיך צוטיילט אין קליינע מחנות, צו צוויי, דריי, צו עטליכע, זיינען ארומגעלאפען איבער די הייזער, מיט זייער סאלדאטסקי לאזונג: „דיענגי דא זשאנקי" (געלט און פרויען), האבען זיי אנגעהויבען זייער טייפעלשע ארבייט, פון מערדערייען, קריפלען, פייניגען, מאטערען אידישע מענער און פרויען, ניט שוינענדיג קיין אלטע לייט און יונגע קינדער. זיי האבען געהאט מיט זיך ליכט, לאנטערנעס, געזוכט אויף די בוידעמער, קעלערס, מיטגענומען מיט זיך אידען, זיי געצוואונגען אנווייזען, וועלכע הייזער זיינען אידישע, וועלכע קריסטליכע, אום זיי זאלען חלילה ניט מאכען קיין טעות, אריינגעהן אין א קריסטליך הויז, מען קאן זאגען, אז אין „שווארצען פרייטאג" און די פאלגענדע נאכט, וועלכע מיר ווילען רופען: „דעניקינס נאכט", איז אין טאראשטשע ניט געווען קיין הויז, וואו עס איז ניט געווען קיין אידישער הרוג, געמאטערטער, פארפייניגטער, גליקליך איז געווען דער, וועמען מען האט בלויז באראבט, אזעלכע זיינען, ליידער, געווען ווייניג, געראטעוועט האבען זיך נאר די יעניגע, וועמען גוטע קריסטען האבען אויסבאהאלטען, אדער וועמען עס איז געלונגען זיך פארשטעקען אין וואלד, גרובענס, אויף קריסטליכע צווינטערס . . .

די אכראנא, וואס האט פונקציאנירט אין טאראשטשע, האט ליידער זיך נישט געקאנט שטעלן קעגן א גאנצן פאלק באנדיטען, מיט אלערליי מאדערנע כלי משחית, תכסיסי מלחמה. די שחיטה האט אנגעהאלטן ביז שבת, שפעט אין טאג.

מיר וועלן נישט שילדערן די אלע שוידערליכע סצענעס פון בלוטיגן „שווארצן פרייטאג", מיר וועלן נאר איבערגעבן איין סצענע, פון וועלכער אפילו מלאכי הבלה האבן געדארפט אויפשוידערן. דעניקינס מלאכי חבלה האבן זיך אבער ארויסגעוויזן אסך גרויזאמער, ווי די לעגענדארני מלאכי חבלה: אין איין הויז האבן זיי געטראפן אן אלטן פאטער, מיט צוויי יונגע טעכטער, א יונגע פרויקע און א יונגע כלה מיידעל. די צוויי שוועסטער זיינען געווען די שענסטע אין שטאדט, דערזעהענדיג די צוויי קראסאוויצעס, האבן די דעניקינס זיך אווארף געטהון אויף זיי. די צניעה'דיגע טעכטער האבן מיט די ציין און נעגל געקעמפפט קעגן זייערע אנגרייפער. דער אלטער פאטער איז, ווי א פארוקטער, ארומגעלאפען איבערן שטוב, שרייענדיג מיט פארצווייפעלטע קולות און קעמפענדיג מיט די באנדיטען פאר זיינע טעכטער, האבן די באנדיטען אויפגעהאנגען דעם אלטען פאטער אויף א שטריק, וואס זיי האבען שטענדיג געהאט מיט זיך, און אין דער צייט, וואס דער אומגליקליכער פאטער האט זיך געווארפען אויפ'ן שטריק, ארויסלאפאנדיג דעם צונג, האבן די אונמענשען פארטגעזעצט, צו פייניגען די צוויי טעכטער, און ווען די טייוואלים, אין מענשען געשטאלט, האבען פארלאזט דאס אידישע שטיבעל, זיינען געבליבען דארט דריי טויטע קרבנות. דער אלטער פאטער אויפ'ן שטריק, און די צוויי שוועסטער, וואס האבען, ביז דער לעצטער מינוט, געקעמפפט פאר זייער עהרע. אזעלכע שוידערליכע סצענעס זיינען ליידער געווען נישט קיין איינצעלנע, אינ'ם „שווארצען פרייטאג", און שפעטער.

פון די דעניקינצים שרעקליכע הריגות האט מיר געשריבען לאנדסמאן יוסף חאנאפאלסקי, דערביי דערצעהלט ער אן עפיזאד, פון זיין אייגענער איבערלעבונג, ווי איהר וועט לעזען אין פאלגענדען קאפיטעל.

קאפיטעל 32.

אראפגענומען פון שטריק.

יוסף חאנאפאלסקי האט געוואהנט אונטער איין דאך מיט א לאנדסמאן, איינעם מאיר אלטמאן, פישעל נח'ס זוהן. יעדען אווענט פלעגען זיי אריינקומען איינער צום צווייטען באלאקען, שמועסען, ארומרעדען דעם טרויעריגען אידישען מצב בכלל, און זייערע אייגענע צרות. עס איז געווען שוין שפעט אין דער נאכט, פון דעם „שווארצען פרייטאג", ווען די דעניקינצעס האבען געמאכט די שרעקליכע שחיטה אויף טאראשטשער אידען. יוסף איז געזעסען אין דער וואהנונג פון זיין שכן, מאיר אלטמאן, ווען צוויי באוואפענטע דעניקינצים, זיינען אריינגעקומען אין דער וואהנונג, האבען געכאפט אלטמאנען, פארצויגען א שטריק איבער זיין האלדז, (זיי האבען אימער געטראגען מיט זיך שטריק, אלס איינע פון די וואפענס), און איהם אויפגעהאנגען, אויף א הוק, וואס האט געשטעקט אין סטעלי (סילינג). יוסלען האבען זיי געלאזט אויף שפעטער. דער הוק האט זיך ארויסגעריסען פון סילינג, און דער אומגליקליכער איז אראפגעפאלען אויף דער פאדלאגע (פלאר), מיט'ן שטריק אויפ'ן האלדז, זיי האבען צוריק ארייגעכאפט דעם הוק, און איהם ווידער אויפגעהאנגען, דער שטריק האט זיך איבערגעריסען,

די באַנדיטען האָבען גענומען אַ האַנטוך, איהם אַרומגעבונדען איבערן האַלדז, און אָנגעהויבען שטאַרק ציהעןביידע עקען פון האַנדטוך, איבער מאיר׳ס האַלדז, אום איהם אַזוי אַרום דערוואָרגען. דאָס געזיכט ביים אומגליקליכען האָט אָנגעהויבען ווערען בלאָה, דער צונג אַרויסגעסאָלאָפּעט. דאָ האָט חאַנאַפּאָלסקי, וואָס האָט געוואַרט צו זיין דער צווייטער קרבן, אָנגעהויבען וויינען, און בעטען די באַנדיטען: וואָס וועט זיי שוין אַרויסקומען, ווען זיי וועלען די צוויי אָרעמע אידען אויך טויטען? זיי זיינען דאָך מענשען, מיט מענשליכע הערצער, זאָלען זיי ווייזען זייער „מענשליכקייט", און שענקען די אָרעמע אידען זייער לעבען.

די רוצחים זיינען שוין געווען מיד, די רציחה האָט זיי שוין נאָכגעלאָזט, האָבען צוגענומען פון הויז, וואָס נאָר זיי האָבען געקאָנט מיטנעהמען און געלאָזט די צוויי אידען ביים לעבען.

אַזוי האָבען די צוויי אידען, ווי דורך אַ נס, זיך געראַטעוועט פון טויט, און איינעם פון זיי, אונזער פריינד חאַנאַפּאָלסקי, האָבען מיר צו פאַרדאַנקען פאַר דער מיטיילונג פון דעם „שוואַרצען פרייטאָג" און „דעניקינס נאַכט", פון וועלכער די לעזער וועלען לעזען אין פאָלגענדען קאַפּיטעל.

אין דער זעלבער נאַכט, ווען די צוויי אידען האָבען, ווי דורך אַ נס, זיך געראַטעוועט, האָט מען דער׳הרג׳עט דעם איבער אַכציג יאָהריגען ראַבינער — מאַניש קופּצאָוו, דער ראַבינער האָט געוואָהנט ביי דער ענדע פון שטאָדט, אונטערען גלובאַטשאַק, אַ געגענד, ווייניג באַזעצט מיט אידען, עס איז דעם אַלטען ראַבינער געווען זעהר אומעטיג, און ער האָט געדענקט, אַז אין מיטען שטאָדט, וואו עס וואָהנען אַסך אידען, וועט זיין אי היימליכער, אי זיכערער, ער איז אַוועק צו אַ פריינד אין מיטען שטאָדט, — בנימין דאַווגאַליעווסקי. עס זיינען אַריין אין הויז דעניקינצים, האָבען דערשאָסען דעם אַלטען ראַבינער, דאַווגאַליעווסקי און פרוי דאַווגאַליעווסקי.

קאַפּיטעל 33.

„דעניקינס נאַכט".

אין דער אַלגעמיינער וועלט געשיכטע ווערט דערצעהלט איין עפּיזאָד, פון אַ שחיטה אין פּאַריז, פראַנקרייך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען קאַטאָליקען און פּראָטעסטאַנטען, די שחיטה איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען: „באַרטאָלאָמייעס נאַכט". טאַראַשטשע, נאַטירליך, קער זיך ניט אָן, און האָט זיך ניט אָנגעקערט מיט דער באַרטאָלעמייעס נאַכט, אַ שחיטה, וואָס איז פאָרגעקומען, מיט דריי הונדערט עטליכע און זעכציג יאָהר פריהער, זעהר ווייניג לאַנדסלייט אונזערע האָבען ווען געהערט פון אַ שחיטה, וואָס מען האָט גערופען נאָך דעם קריסטליכען הייליגען „באַרטאָלאָמיי". מיר וועלען די שחיטה, וואָס איז געשעהן אין טאַראַשטשע, די נאַכט, נאָך דעם שוואַרצען פרייטאָג, רופען „דעניקינס נאַכט", ווייל די שחיטה האָבען פאַראורזאַכט דעניקינס מיליטער, פונקט ווי די זעלבע מיליטער האָט פאַראורזאַכט דעם „שוואַרצען פרייטאָג". אונטערען נאָמען „דעניקינס נאַכט" וועט דער טרויעריגער עפּיזאָד, פאַרבלייבען אין אונזער היסטאָריע און ביי אַלע טאַראַשטשער לאַנדסלייט, אַלס זכר לקללה צום בלוטיגען גענעראַל דעניקינס און זיינע מיטהעלפער. מיר וועלען אין קורצען דערצעהלען די געשיכטע פון „באַרטאָלאָמיים נאַכט", אגב האָט די בלוטיגע פּאַסירונג געדינט פאַר

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

אַ טעמע אַ אידישען קאַמפּאַזיטאָר, פאַר אַן אָפּערא, און אַ צווייטער איד האָט געזאָגט וועגען דער אָפּערא אַ וויץ, וואָס איז געבליבען אונשטערבליך אין דער ליטעראטור.

די פּאַסירונג אין דער „באַרטאָלאָמיים" נאַכט איז פאָלגענדע : אַ פראַנצויזישער קעניג האָט געהייראַט אַן ענגלישע פּרינצעסין. דאָס פראַנצויזישע פאָלק, ווי דער קעניגליכער הויף, זיינען קאַטוילישע, די ענגלישע פרינצעסין, ווי דער ענגלישער קעניגליכער הויף זיינען פּראָטעסטאַניש, די פּרינצעסין האָט געבראַכט מיט זיך אַ פּראָטעסטאַנישע סוויטע, פּראָטעסטאַנישע באַדינער, און פּראָטעסטאַנישע גלחים, אין הויף איז געוואָרען אַ רייבונג צווישען די אַנהענגער פון די ביידע רעליגיאָנען, וועלכע איז איבערגעגאַנגען אין אַ פאַרביטערטער שנאה, צווישען די אַנהענגער פון ביידע רעליגיאָנען.

עס איז געוועזען אין יאָהר 1572, אין פראַנצויזישען קעניגליכען הויף האָט מען געמאַכט אַ באַל, צום אָנדענק, פון אַ קאַטוילישען הייליגען — באַרטאָלאָמיי. אין הויף האָט מען געטאַנצט, געגעסען, געטרונקען, זיך געלאָזט וואָהלגעהן, ווען אַלע זיינען געווען בנילופן'דיק, זיינען די קאַטאָליקען באַפאַלען די פּראָטעסטאַנטען, וועלכע מען האָט אין פראַנקרייך גערופען — „גוגענאָטען", אַסך פון זיי אויסגע'הרג'עט, די מלחמה צווישען די אַנהענגער פון ביידע רעליגיאָנען האָט זיך איבערגעטראָגען אין די גאַסען פון פּאַריז, און זעהר פיעל זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרען, פון ביידע זייטען. אין דער אַלגעמיינער היסטאָריע איז די שחיטה באַקאַנט מיט דעם נאָמען „באַרטאָלאָמייעס נאַכט", די שחיטה נאַכט אין טאַראַשטשע, נאָך דעם „שווארצען פרייטאג", וועלען מיר רופען : „דעניקינס נאַכט", מיט דיזען נאָמען וועט זי פאַרבלייבען אין אונזער היסטאָריע טאַראַשטשע, לזכר עולם.

מיט איבער צוויי הונדערט יאָהר, נאָך „דער באַרטאָלאָמייעס נאַכט", האָט אַ אידישער קאַמפּאַזיטאָר — מייער בער, אויסגענוצט די פּאַסירונגען אין דער באַרטאָלאָמייעס נאַכט, פאַר אַ טעמע צו אַן אָפּערא, וועלכע ער האָט אָנגערופען : באַרטאָלאָמייעס נאַכט", אָדער „גוגענאָטען", די אָפּערא ווערט נאָך יעצט געשפּיעלט אין דער גאַנצער וועלט. דער אונשטערבליכער אידיש דייטשער פּאָעט — הענריך היינע, האָט אויף דער אָפּערא געזאָגט : „קאַטאָליקען און פּראָטעסטאַנטען האָבען געמאַכט אַ בלוטיגע חתונה, און דער איד מייער בער האָט געשאַפען אַ הארציג געזאַנג צו דער קריסטליכער בלוטיגער חתונה . . . די ערשטע פאַרשטעלונג (פּרעמיערע) פון דער אָפּערא „גוגענאָטען", אָדער „באַרטאָלאָמיים נאַכט" איז פאָרגעקומען אין פּאַריז, אין יאָהר 1836.

וואו נעהמט מען יעצט אַ מייער בער, וואָס זאָל שרייבען מוזיק צו די בלוטיגע חתונות, וואָס שפּיעלען זיך אָפּ טאָג טעגליך אין אונזער אידיש וועלטעל?. . . און יעצט וועלען מיר פאַרצייכענען די נעמען פון עטליכע צעהנדלינג הרוגים, פון „שווארצען פרייטאג" און „דעניקינס נאַכט", די צאָהל פון הרוגים איז,ליידער, פיעל גרעסער, מיר האָבען אָבער מעהרער קיין נעמען ניט געקאָנט קריגען, זאָלען די נעמען פון דיזע קדושים פאַרבלייבען לזכר עולם אין דער היסטאָריע פון אונזער טאַראַשטשע. און דאָס זיינען די נעמען פון די קדושים, וואָס מיר האָבען געקראָגען.

וזכר ספון צבי נגירט עליון

רב מאָניש קופּצאָוו
מנחם מענדעל פעלדבערג
אלטער רעזניטשענקאָ
בנימין דאַגאָליעוסקי, עם אשתו
יוסף געהערצמאַן
חיה, אשת ישראל שער
אברהם, חתן לוי דוב קאַניעווסקי
הבחור שלום קאַרגיצקי
פסח ראַבּלים
זאב קירשנער עם בנו
העלמה גאָלדע טראַיאַנסקי
הבחור בן יוסף פאַקראַס
שלמה גורעצקי
אליה שעיה קאָוואליעווסקי
בתו הבתולה של קאָוואליעווסקי
בן יהודה כהן, בחור
אשת סיגאַלאָוו, עם בתה
אשת דוב ביעלאָפּאָלסקי
ישעיה שוחט, בחור
אשת משה מעזשיבאָווסקי
יעקב אָלשאַנסקי

אברהם אָלשאַנסקי
אשר פראַנצוויז
נחמן צבי באָלטער
פייגה בת נחמן צבי באָלטער
בת נחמן צבי באלטער, עלמה
משה ראַדאָוויצקי
בנימין בוטשיק
מרדכי פיינבערג
גיסו של אהרן מיטוניק
אשת אהרן מיטוניק, עם ילד קטן
אליעזר פיינבערג
אשת אברהם סקווירסקי
חתן יעקב פעלדבערג
בן אסתר קירשנער
יוסף אברהם גאָמבערג (קאַרליק)
יוסף דינערמאַן
בן אייזיק רוטהייזער
בן פסח בערג, בחור
סאַטאַנאָווסקי, איזוואָשטשיק
בן אייזיק באָרניק

עתרע דעם אַנדערנקען פון דיזע און אַנדערע קדושים.

די היסטאָריע פון טאַראַשטשע

קאַפּיטעל 34.

נאָבעלע קריסטען אין טאַראַשטשע.

מיר האָבען באַשריבען די פּאָגראָמען, רציחות, שחיטות, אין טאַראַשטשע, בלוטיגע סצענעס, וואָס גליווערען דאָס בלוט, שרעקליכע בילדער, וואָס האָבען זיך אָפּגעשפּיעלט אויף די וועגען, שליאַכען, אונטערן שטאָדט. בילדער, וואָס מען קאָן זיך קוים פאָרשטעלען אין די געדאַנקען, צו וואָס „אונמענשליכקייט" קאָן ביים מענשען דערגרייכען, מען וואָלט נאָך געקאָנט פיעל מעהרער שרייבען, אַסך מעהרער שוידערליכע סצענעס מאָהלען, ווייל דער בלוטיגער מאַטעריאַל איז נאָך ניט אויסגעלאָזט, ער איז אונערשעפּליך, מיר ווילען אָבער שוינען די לעזער און אויך זיך זעלבסט, פון גראָבען זיך אין די מאַטעריאַלען, וואָס בלוטיגע בעסטיעס האָבען געשאַפען, מיט זייערע מעשים, מיר לאָזען אַראָפּ דעם פאָרהאַנג אויף די בלוטיגער דראַמאַ „עָאָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אונזער היים שטעדטעל, מיר וועלען ווייזען אויך מענשליכע פאָרטרעטען, ניט בלויז בעסטיעס אין מענשען געשטאַלט. „סוויעט ניע ביעז דאָבריך ליודיי", — זאָגט אַ ווערטעל, — די וועלט איז ניט אָהן גוטע מענשען, אין אונזער שטעדטעל טאַראַשטשע, און אַזוי מסתמא אין אַנדערע גרעסערע און קלענערע שטעדט, האָבען קריסטען באַוויזען, אַז דאָס ציטירטע רוסיש ווערטעל איז ניט פון ווינט געשאַפען, נאָר פון דער ווירקליכקייט: אייניגע קריסטען האָבען זייער לעבען איינגעשטעלט פאַר אידען, האָבען זיך כמעט מקריב געווען פאַר זיי, דיזע קריסטען האָבען באַוויזען, אַז אין זייערע ברוסטען קלאַפּען מענשליכע הערצער, וואָס מאַכען ניט קיין אונטערשיד, פון איד צו קריסט, זיי זיינען גרייט צו העלפען יעדען מיטמענשען אין נויט, ווער ווייסט, וויפיעל מענשליכע קרבנות וואָלטען געפאַלען, ווען ניט די הילפע פון אַזעלכע נאָבעלע קריסטען, וואָס האָבען געגעבען די אידען שוץ, באַהעלטעניס, אָדער וועלכע אַנדערע נויטיגע הילפע.

ווי מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט, זיינען געווען צווויי ערליי קריסטען, וואָס האָבען אַרויסגעהאָלפען זייערע אידישע שכנים: אַזעלכע, וואָס האָבען עס געטהון, צוליעב געלט, אָדער מתנות, וואָס זיי האָבען געקראָגען, אָדער ערוואַרטעט צו קריגען, און אָבוואָהל זיי האָבען געהאַנדעלט ווי סוחרים, וואָס „פאַרקויפען" גוטסקייט, מענשילכקייט, דאָך האָבען זיי זעהר פיעל אידען גערעטעט, און מיר זיינען זיי זעהר דאַנקבאַר, עס זיינען אָבער געווען אַזעלכע, וואָס האָבען עס געטהון ניט „על מנת לקבל פרס", ניט זיי זאָלען קריגען דערפאַר באַצאָהלט, נאָר אוים ריינע מענשליכע געפיהלען, פאַר אַזעלכע יומאַניסטען, מענשענפריינד בויגען מיר מיט דעם גרעסטען רעספּעקט און דאַנקבאַרקייט, אונזערע קעפּ. אידען האָבען שוין לאַנג אַ נאָמען פאַר די אמת'ע מענשען פריינד פון אַנדערע פעלקער: אידען רופען זיי: „חסידי אומות העולם" (פרומע גוטע לייט פון אַנדערע פעלקער).

צו די נאָבעלע קריסטען פון טאַראַשטשע וועלען מיר ווידמען אַ באַזונדער קאַפּיטעל, וועלכעס וועט אויך זיין דאָס לעצטע אינ'ם אַפּטייל, וואָס מיר רופען „די איבערלעבונגען פון טאַראַשטשע". ווי אַזוי אונזערע טאַראַשטשער לאַנדסמאַנשאַפטען אין אַמעריקאַ, און טאַראַשטשער לאַנדסלייט בכלל האָבען זיך אָפּגערופען אויף דעם נויט רוף, וועה געשרעה, פון אונזער אומגליקליך שטעדטעל, וועלען די לעזער אויסגעפינען פון די ווייטערע טיילען „די היסטאָריע פון טאַראַשטשע". זיי וועלען זעהן,

די היסטאריע פון טאראשטשע

די נאבעל, ווי פיין, ווי מענשליך, ברודערליך, די „טאראשטשע“ אין אמעריקא האט געהאנדעלט קעגען דער „טאראשטשע“ אין אלטען רוסלאנד, נאטירליך וועלען עס די לעזער „זעהן“, אויב זיי וועלען זיין „פאראינטערעסירט צו זעהן“ די אנדערע טיילען פון דער היסטאריע — געדרוקט . . . .

קאפיטעל 35.

פריסטאוו איוואנאוו.

פון די מענשליכסטע קריסטען אין טאראשטשע, פון די זאגענאנטע חסידי אומות העולם, זיינען געווען — פריסטאוו איוואנאוו און זיין פרוי. איוואנאוו איז געווען סידיעבדי פריסטאוו אין אקרוזשנוי סוד (מארשאל פון קרייז געריכט), ביז די פאגראמען אין טאראשטשע האט מען ווייניג געוואוסט, וואס פאר א פערזאן דער איוואנאוו איז געווען, מען האט איהם געהאלטען פאר א געוועהנליכען רוסישען טשינאווניק, וואס צייכענט זיך אויס קעגען אנדערע טשינאווניקעס, מיט דעם, וואס ער איז ניט אזוי פיינדליך אפען קעגען אידען, ווארפט זיך ניט אזוי ארום, מיט דעםווארט איד, (זשיד), ווי אנדערע טשינאווניקעס, אלס אויסגעשפראכענער אידען פריינד, אלס מענש מיט רחמנות צו די ליידענדע אידען, האט ער זיך ארויסגעוויזען, ווען אין שטאדט האבען זיך אנגעהויבען ווייזען כל ארליי מיליטערען, פארטייען, צדדים, סתם באנדיטען, פאגראמשטשיקעס, און די אלע ארייגדרינגער האבען זיך א לאז געטהון אויף אידיש האב און גוטס, אויף אידישע לעבענס, און אידען האבען אנגעהויבען זוכען שוץ, פלעצער, וואו צו אנטלויפען, וואו זיך צו רעטען, דאן ערשט האט מען דערזעהן, וואס פאר אן אידעל, מענשליך הארץ קלאפט אונטער דער מונדיר פון אט דעם טשינאווניק — איוואנאוו. ער האט געעפענט פאר די ארעמע אידען זיין גרוים הויז, דעם בוידעם, דעם גרויסען קאמער אויפ׳ן הויף, ער האט זיך אנגעקליידעט אינ׳ם טשינאוונישען מונדיר, מיט דעם גאלדענעם קאלנער, אנגעהאנגען די פאר מעדאלין, וואס ער האט געקראגען, פאר זיין לאנג יאהריגע דינסט (סוירוויים) און ארומגעשפאצירט ארום זיין גרויסער אוסאדבע (הויף מיט געביידעס), אונטער דער באקאנטער „ריטשקע“ וואס לויפט אונטערן שטאדט, וואס פיהרט צום וואלד. ווען פארשידענע מיליטערען, אדער באנדעס, פלעגען פארביי געהן נעבען זיין אוסאדבע, האט ער זיי פריינדליך באגריסט, און ווען יעמאנד האט איהם געפרעגט, צו ער האט אין הויז אידען ? פלעגט דער פריסטאוו, כלומרשט, אויפברויזען, מיט באליידיגטען צארן — „איך בין א רוסישער טשינאווניק“, — פלעגט ער בייז ענטפערען, דאס האט געזאלט מיינען, אז א רוסישער טשינאווניק וועט אין זיין הויז קיין אידען ניט ארייגלאזען, און ווען איינער האט געוואלט ארייגעהן זיך איבערצייגען, פלעגט איוואנאוו, מיט כעס, אויסשרייען : — „מיר, אן אלטען רוסישען טשינאווניק, וואס האט פאר זיין אוסערדיע (טרייהייט), זיך דערדינט מעדאלין ביי דער מלוכה, גלויבסטו ניט?“ און געמאכט האט ער אזא אומשולדיגע, באליידיגטע מינע, אז דער פרעגער האט זיך פארשעהמט, ענטשולדיגט און איז אוועק.

„טאראשטשער פראגרעסיוו סאסייעטי“, האט מיט יאהרען שפעטער, אפגעדאנקט דעם נאבעלען פארעל, ווען יענע האבען געדארפט הילפע : דער איידעלער איוואנאוו איז אויף דער עלטער בלינד געווארען, און זיין נאבעלע פרוי איז געווען

איבערלעבונגען פון דער מלחמה און רעוואלוציע

קראנק, די סאסייעטי, געוואהר ווערענדיג פון דעם, האט עטליכע יאהר געשיקט דעם ארעמען פארעל, יעדעס יאהר, עטליכע צעהנדליגע דאלאר. אינ׳ם אפטייל, וואו מיר וועלען באשרייבען, וואס אונזערע לאנדסמאנשאפטען האבען געטהון פאר טאראשטשע בכלל, וועלען מיר אויך מעהערער באשרייבען די הילפע פאר דער פארעל.

די איוואנאוו פאמיליע איז ניט געווען די איינציגע פון די זאגענאנטע „חסידי אומות העולם", עס זיינען נאך געווען אנדערע, וואס האבען געגעבען אידען א מקום מקלט, אין א עת צרה, און אויב, פראפארציאנעל צו אנדערע שטעדט, האט נאך אונזער שטעדטעל גוט אפגעשניטען, האבען זיי דאס געהאט צו פארדאנקען די עטליכע קריסטען פון טאראשטשע, וועלכע האבען מיט זייערע גוטע מעשים קעגען אידען זיך קונה שם געווען ביי אונז.

מיט דיזען קאפיטעל, וועגען די אמת׳ע חסידי אומות העולם, שליסען מיר דעם אפטייל פון דער היסטאריע, —„די איבערלעבונגען פון טאראשטשע", מיט דעם וואונש, אז אזעלכע איבערלעבונגען, אזעלכע געשעהענישען זאלען מעהר ניט פאסירען, אויך מיט דער האפענונג, אז אונטער די פליגעל פון דער סאוויעטישער מאכט, וועט דער רוסלענדישער אידענטום אימער געניסען די פרייהייט, צו גלייך מיט אנדערע פעלקער, און וועלען קאנען אין אלע צייטען אויסנוצען זייערע פיזישע און גייסטיגע פעהיגקייטען, צום וואהל און בעסטען פון לאנד און צום נוצען פון דער גאנצער באפעלקערונג . . .

ענדע פון צווייטען טהייל



עטליכע ווערטער צו טאראשטשער ארגאניזאציעס
און טאראשטשער לאנדסלייט בכלל.

מיט'ן יעצטיגען טייל היסטאריע — „טאראשטשער איבערלעבונגען", האב איך טיילווייס אויסגעפיהלט דעם פראגראם, וואס איך האב אנגעצייכענט אין דעם ערשטען טייל היסטאריע, בנוגע דער ארבייט : צו שאפען א היסטאריע פון אונזער „אלטע טאראשטשע", און פון די „נייע טאראשטשעס", אין אמעריקא, אויף וויפיעל די ארבייט איז געלונגען, איז ניט מיר צו משפט'ען. איך האב געטהון, וואס מיינע מאטעריאלע און גייסטיגע קרעפטען האבען מיר ערלויבט. לײדער ערלויבען מיר ניט מיינע מאטריאלע אומשטענדען, צו פאבלישען די וויטערע מאנוסקריפטען פון דער היסטאריע, וועלכע זיינען שוין פערטיג. „דים איז נאט א וואן מען דזשאב", ווי דער אמעריקאנער זאגט, איך קאן דאס אליין, מיט מיינע אייגענע מיטלען ניט טהון, איך ווענדע זיך דארום צו אונזערע טאראשטשער, פרענקלי : „אויב איהר, טאראשטשער לאנדסלייט, און מיטגלידער פון טאראשטשער לאנדסמאנשאפטען, וועלכע האבען געלעזען די היסטאריע, ביז דער צייט, וואס אונזערע „טאראשטשער" אין אמעריקא זיינען ארויס אויף דער סצענע, האבען געעפענט זייערע הערצער און זייערע פאקעטס פאר זייער אלט שטעדטעל, און אויך וואס זיי האבען אויפגעטהון און טוהען אויף פאר זייערע לאנדסמאנשאפטען, פאר די אידישע אינסטיטוציעס אין אמעריקא, ווי אזוי אונזערע „טאראשטשער" האבען בכלל פארפלאנצט זייער לעבען אין דער נייער וועלט, אנפאנגענדיג פון „ערשטען עמיגראנט פון טאראשטשע", ביז דער יעצטיגער צייט, אויב איהר זיינט פאראינטערעסירט, דאס אלעס צו וויסען, דאס אלעס צו לעזען, זאלט איהר די „געלט פראגע" פון פאבלישען די וויטערע מאנוסקריפטען אראפנעהמען פון מיינע שוואכע הענט . . . „איך וועל, נאטירליך, ניט שטעהן פון וויטען, איך וועל „צולייגען א שאלדער צום שווערען וואגען", אבער „אליין" איהם שלעפען איז ניט מעהר פאר מיינע כחות" . . . עס וואלט געווען ראטזאם, די פריינד פון טאראשטשער היסטאריע זאלען גרינדען א קערפערשאפט, מיט'ן צוועק צו פאבלישען די אנדערע טיילען פון דער טרילאגיע „טאראשטשע".

לאנדסלייט, וואס האבען פארפעהלט צו לעזען די ערשטע טייל היסטאריע, אדער ווילען זי שיקען צו זייערע פריינד אין אנדערע שטעדט, זאלען זיך ווענדען אויף מיין אדרעס, און איך וועל גערען זיי צושיקען די עקזעמפלארען „פריי".

מיט הערצליכען גרוס,

אייער לאנדסמאן און אלעמענס פריינד,

יעקב ראווין (ראווינסקי).

J. Roven, 98 Morningside Ave., New York, N. Y.

טאראשטשע

אַ היסטאָריע פון אַ קליין שטעטעל

אין קיעווער גובערניע, אוקראינע

צווייטער טייל

איבערלעבונגען פון שטעטעל אין דער וועלט מלחמה,
רעוואלוציע און בירגער קריג

געשריבען פון

יעקב ראַווין — ראַווינסקי

א מיטגליד פון טאראשטשער לאנדסמאנשאפט

ניו יאָרק, 1937

געדרוקט ביי די
מוינעשטער פּאבלישינג קאמפּ.
1569 איסט ניו יאָרק עוועניו
ברוקלין, נ. י.